ISBN:0-657-12160-6
00-1124
121600

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/farnakhtengold00gree

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12160

# FARNAKHTENGOLD

## Uri Zvi Greenberg

*Permanent preservation of this book was made possible by Brian and Martha Zuckerman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אורי צבי גרינבערג

# פארנאכטענגאלד

29171 7




ווארשע, 1921.

נאַכדרוק פאַרבאָטען.

אַלע רעכט פון איבערזעצען,
געהערען דעם מחבר.

Copyright 1921
by Sol. Sheikewitz
New-York.

Druk. „Feniks", R. Wileńskiego
:: Warszawa, Graniczna № 14. ::
═══ Telefon 138-83. ═══

# באקעננג.

29171 7

## איך ווייס נישט ווי ס׳קומט.

איך ווייס נישט ווי ס׳קומט: כ׳בין געבוירען אַ מענש,
ווי אַ יעדער, מיט פלייש און מיט בלוט, נאָר אין האַרץ
איז פאַרהאַנען אַזוינס, וואָס איז גלייך צו אַ האַרף
און עס ציטערט און שפילט.

איך ווייס נישט ווי ס׳קומט: כ׳זעה וואָס אַנדערע זעהן.
יענעם פאַרביגען שפיל פון פאַרטאָג און פאַרנאַכט
און נאָר איינער בין איך, וואָס שטעל־אָפּ מיך און גאַף
און געה־אויף אין געזאַנג.

און כ׳ווייס נישט ווי ס׳קומט: אין לבנה׳גע נעכט
בין איך פול מיט געוויין און נשמה־געבעט
און כ׳האָב נישט קיין שויס פאַר מיין גליהיגען קאָפּ
נאָר אַ קאַלט־ווייסע וואַנט. — —

## אַנדערע גלויבען...

אַנדערע קלויבען מטבעות צונויף
און היטען אַן אוצר פון קלינגענדיג גאָלד
בייטאָג און ביינאַכט.
דאָס וועגיגע אָבער, וואָס איך וואָלט געוואָלט,
איז גאָר נישט–ביי זיי, און ביי מיר איז עס אַלץ:
אַ ווינקעל, אַ שטילס, און אַ ברייטעל מיט זאַלץ,
פון הימעל געבענשט מיט נשמה־געזאַנג
און מיט קלאָרסטען געדאַנק.
כ׳געה־אויף ווי אַ זייל אינ׳ם מלכות פון צער.
זיין שפיץ קושען הימלען מיט זומען־באַגאָלדט.
און כ׳ווייס, אַז נאָר גאָט אין דער הויך איז מיין האַר —
גאָט.
נאָר דאָרט אויף די וועגען פון הפקר און רעש,
וואו כ׳געה יעדען טאָג–בין איך שטויב, בין איך אַש,
אַש!
„און ליב איך דאָרט ווען–איך היט און באַהיט
דעם רויזענגעדאַנק, וואָס צעבליט זיך און בליט,
ווי אַ רויז אין מיין ליד — —“
ווייל ערשט אין דער נאַכט ווערט באַלויכטען מיין סוד
און כ׳רוף נישט צו דער, וואָס כ׳האָב ליב, נור צו גאָט:
גאָט!

ווייל חצות אין דער פינסטער הערט=איין זיך די וועלט
צון איר אייגענעם דופק, וואָס קלאַפּט אין איר טיף
און הערט ניִשט זיין טאַקט אינ׳ם רוישיגען טאָג.
און ס׳הערען די הימלען די הייליגסטע קלאָג
פון זשאַבעס און הינט, וואָס דערמאָנען דעם שם;
און אַלץ, וואָס עס בעט זיך—עס רופט נאָר צו דעם,
וואָס איז האַר איבער ים אין זיין ווילדעסטען זאָד:
גאָט!

## תפילה.

אָט פון מיינע אָבות און פון אַלע מענשען דורות!
אָט פון אַלע וועלטען פון בראשית ביז אַצינדער!
יעדער רגע טו איך לויבען, טו איך דאַנקען פאַר דעם חסד,
וואָס געטון האָסטו מיט מיר פון מיין געבורטס=טאָג ביז אַצינדער!
אויף מיין קאָפּ איז חל דיין ב כה, וואָס דו גיבסט פאַר ווייניג מענשען
אין דעם ווייטען גאַנג פון לעבען,
וואָס איז ליכט אין מיינע וועגען און אַ שוץ צו מיין צוקאָ ענס,
ווען אַ שטורעם רייסט די פעלזען און פאַרוואַרפט זיי אין אוקינוס,
ווען אַ שטורעם ברעכט אין צווייען אייבין=טיפע זקנים=וועלדער,
רודערט=אויף די שטילע תהומות, ברענגט די ימים איבער ברעגעס,
און איך פאַל און ווער צו שטויב נישט!
און דאָס פייערל, וואָס דו האָסט אין מיין נפש אָנגעצונדען,
היט איך אָפּ פאַר אַלע בייזע שטראָזען=וואָגלענדיגע ווינטען.
גאָט, דער פרומער שומר בין איך פון דיין פייערל אין נפש!
און אַ לויב דיר, מיין באַשעפער, פאַר דער הייליגער מחשבה,
וואָס דו שיינסט=אַריין צו צייטענס אין מיין האַרץ אין טונקלע רגע'ס,
אַז איך בין דאָ אויסגעוועלטע איינער פון די ווייניגע געבענשטע
אין דעם ים פון די מיליאָנען אָדם'ס קינדער וואַנדערדיגע.
און דיר בין איך פריי משעבד אַלע אברים און חושים
אין דעם דינסט פאַר איינמאָל פיהלען=דיך און זינגען הללויה,
ביי דעם גאַנג פון דיינע זונען און אין שיין פון דיינע סוד=נעכט.
כ'געה און לייטער מיך און לייטער — — — ,

יעדען טאָג אין ליכט פון זונען,
יעדע נאַכט אין שיין פון שטערען,
און אין ריינסטע מיינע טרערען...
דאָס וואָס מענשענהענט באַשאַפען: קרוינען, שלעסער, פעלדער, גערטען,
איז קיין טייל מיר נישט געגעבען!
כ׳האָב קיין ווינקעל נישט קיין אייגענס!
נאָר די פרישע הפקר=קוואַלען אין מרחקים׳דיגע וועלדער,
צווישען אומבאַקאַנטע פעלזענס קרום=צודרעהטע אויסגאַנג=שטעגען,
זענען פריי פאַר מיר און שטילען מיין טיף=נאָגענדיגע דורשטקייט
אין דיין זונבראַנד, וואָס פאַרשלינגט מיך אין מיין וואָגלען אויף די וועגען...
כ׳האַלט אַ סוד מיט דיינע שטערען און מיט שושקענדיגע וועלדער,
ווען די ביימער זייערע טראָגען קילע ראָסע אויף די שפּיצען
ביי דער זשוזשענדיגער תפילה צו די זיבען הימלען דיינע — —
בין איך רייכע נישט מקנא, זייער שלוה און בטחון,
זיי האָסטו געגעבען ליבשאַפט, מיר—דאָס ליד פון אַלע לידער!
אָרים, איינזאַם, אָבער לויטער, ווי דער ספּיר דיר צופיסענס,
רייך=נשמה׳דיג אַלץ געה איך, ווי אַ יונגער עמוד=ענן,
דיר דעם וויטען וועג אַקעגען צום אין=סוף פון דיינע וועלטען!

# וואָס וויל איך דען מעהר.

וואָס וויל איך דען מעהר, מיין באַשעפער, פון ד׳אוצרות דיינע,
פון פראַכטען־היכלות, וואו ס׳וואוינען די מענשליכע שררות,
פון פרוכטבאַרע גערטען און טוי־אָנגעטרינקענע תבואות —
איך וויל נאָר אַ מקדש דיר בויען, אַ שטילען, אַ טיפען,
וואו איך זאָל דעם ציטריגען פאָדים פון נפש צום הימעל,
פון נפש צו אַלע יסודות פון וועלטען צו ציהען — —

וואָס וויל איך דען מעהר, מיין באַשעפער, ווי זינגען דאָס האַרץ־ליד,
וואָס ס׳וועקט דיינס אַ הפקר׳דיג ווינטעלע אויף, אויף מיין פידעל —
ביי טאָג, ווען איך געה אין די מאַרקען נשמה־פאַרלוירען,
פאַרנאַכט, ווען אין גראָהקייט פון גאַסען צוצינדען זיך לאָמפען,
און טיף אין דער נאַכט, ווען דער שטורעם קלאַפט ווילד אין די לאָדענס
און ווידער פאַרטאָג, ווען דער שחר שטעהט איבער מיין הייזעל...

# מיין זעל איז געבוירען.

מיין זעל איז געבוירען אין מזל פון מלכות
דאָך טראָג איך קיין קרוין אויפ'ן קאָפּ ניט
מיר שטעהט ניט אַ רייה פון גבורים אין חצות'ן
מיט שפּיזען געצויגען אין חשכות;
כ'בין גלייך צו אַ בוים מיט צווייגען פול בליטען
פאַרלאָז אין מיט-וועג, אין די שטורעמס.

מיין היכל שטעהט דאָרט, וואו אַ פעלז ביי די ברעגעס,
וואו ס'רייסט זיך א ים מיט די ווילדעסטע כוואַליעס
און וויל מיר דערצעהלען דעם סוד פונ'ם ווייטקייט
און וועלטען, וואָס גליהען אין שויס פון תהומות. — —

ביינאַכט, וואו אַ מענש און אַ ישוב ניטאָ איז
באַזאַלבט מיינע לאָקען-צעשפּילטע אין חצות-ווינט —
דער הימעל מיט טויען; און ס'הילט מיין נשמה
אין הייליגסטען תכלת. — —
איך וייס אַז אַ מלאך'ס — ניט מענשען'ס הענט זענען'ס —
פאַרלעגען אַ קרוין, אַזוי רייך ווי מיין ליד איז,
אריבער מיין קאָפּ, מיט אַ חן פון לבנות...
און ס'שטייגט אויפ'ן פעלזען אַ מיידעל פון ים-האַרץ,
וואָס שפּילט איבער'ן ים אויף אַ זילבערנער האַרפּע,
און כ'הער אינ'ם ניגון אַז דאָס איז מיין ליבע
אַז דאָס איז מיין מלכות.

## באַקענונג.

און ניִשט נאָר די, וואָס רעדען גלייך ווי איך רעד
און בעטען צו דעם זעלבען גאָט פֿון ד׳ אבות
ביים שיין פון שטערענגעכֿט און גאָלד פון מזרח,
זענען מיינע ברידער ד׳איינציִגע —

נאָר די, וואָס אין די צאַפּעלדיִגע רגע׳ס,
ווען שטערען געהען־אויף און אויף די שליאַכען
פאַלט טונקעל יתום׳קייט פון אַלע וועלטען,
שטיל וואָגלען זיי, די איינזאַמע, ווי שאָטענס,
און בענקען נאָך פיר ווענט און נאָך אַ באַלקען,
קעפּ געבויגען,
לעפּצען מורמלענדיִגע...

און ניִשט נאָר די, וואָס היִלען זיך אין טלית
שחרית־צייט, ווען דרויסען גיסט דאָס גאָלד זיך,
און גלאָקען קליִנגען פון דעם הויכֿען קלויסטער,
און ס׳קאָנען ניִשט די פרומע האָבען יחוד
מיִט דעם אלהות אין די מחשבות,
ווייל יעדער גלאָקען־קלאַנג איִז זיי מבלבל —

נאָר די, וואָס פאַלען, שטויב באַדעקט, וואו ערגיץ
איִן מיִטען פעלדער ביי די ווייסע צלמים,

און ווילען זיך צוגיסען ווי אין כוואליעס —
הענט צונויפגעבראָכען,
מויל אין גראָזען...

און נישט נאָר די, וואָס זיירע מיידעל־גופים
זעהט קיין אויג נישט, חוץ דער מאַמע'ס אויגען
און ווייסע ווענט אין טאַטע־מאַמע'ס־וואוינען,
זענען מיינע שוועסטער ד'איינציגע —
נאָר די, וואָס זיירע גופים זענען הפקר,
ווי די סטעפּעס־ביימער אין די ווינטען,
און שפּאַנען דורך די גאַסען אין דעם זון־בראַנד
ביז אין שפּעטע חצות'ן, כאָטש עס רעגענט,
און האָבען נישט קיין טרער פאַר זייער אומגליק.

און נישט נאָר די, וואָס שערען זיך די האָר אָפּ
אין יענע גראָע מאָרגענס נאָך די חופּות,
אין רוה פון זיסע היימען, גאָט, בטחון,
און קאָנען זיך באַהעפטען צו די מאַנסבילן,
וואָס האָבען זיך גע'טובל'ט אין דער מקוה —
נאָר די, וואָס אין נאָוועמבער־נעכט פול־טרויער,
אין גרעלען ים־ליכט פון עלעקטער־לאָמפּען.
אין הייסען זשום פון פרעמדע זעלנער־קולות,
טרינקען ביר אויף ביר און לאָזען טוען
די שיכורים זייערע ווילדע ווילענס — —

און נישט נאָר מענשען מיט נשמות טיפע,
וואָס האָבען אויגען, הערצער, הענט און ליפּען
אין ווענמענס נאָנטקייט כ'קאָן מיין הארץ צוגיסען,
זענען מיינע פריינט, די איינציגע,
נאָר די פּאַרלאָזטע הינט, וואָס לויפען זוכען
אונטער יאַטקע־קלעצער פּיצלעך קנאָכענס,
און כ'רוף מיר איינעם מיט אַ פּיפּס פון ווייטענס:
קום! ער קומט און שטייגט אויף מיינע קניעס
און איינס דעם צווייטען קוקען מיר אין ד'אויגען — —

און נישט נאָר הינט אַפילו, הינט, וואָס קלאָגען
אין לבנה־נעכט פון אונטער פּלייטען,
ווען מיין האַרץ ווערט פול צום איבערגיסען
אין געזאַנגען־ים און תּפילה־טרערען,
זענען מיינע פריינט, די איינציגע,
נאָר גאָט'ס באַשעפענישען אויך, וואָס שווייגען:
ווילדע דעמבעס אין אַ פרעמד־לאַנד־וואַלדונג,
גראָע פעלזען צום אַרומנעם גרייטע. — —

## און בין איך נישט מעהר,

און בין איך נישט מעהר, נאָר אַזוינס, וואָס דורכדעם
קען לאַכען אַ מענשענ׳ס אַ האַרצען פּאַר גליק,
קען אויפגעהן אַ טרער אין אַ מענשענ׳ס אַן אויג —
איז מיר אויכעט גענוג.

און בין איך נישט מעהר, נאָר אַזוינער, וואָס געהט
און קען זעהן די מזלות, קען בלאָנזשען אין וועג
און ווערען אַ ווייזער אַ בלינדען ביינאכט
און אין זוניגע טעג — ...

איז מיר אויכעט גענוג,
אַז איך געה און איך לעב.

## סיידען מיין קערפּער.

סיידען מיין קערפּער, וואָס וואַקעלט זיך אום,
איז אַ קנאָכיגער שאַץ אָבער וואונדערליך-טיף:
ווייל אין מיר ציהט-אַדורך דער אומענדליכער ים
פון דער וועלט אין דער הייך,
און פון וועלט אינ׳ם טאָל.

סיידען מיין האַרץ איז געקנעטען אַ שטיק
פון דעם מזרח-פּאַרטאָג און פון מערב-פאַרנאכט:
ווייל דאָס ליד וואָס איך זינג האָט דעם מאָרגענרויט קלאַנג
און די אומרוה פון טאָג
און דעם מנחה-צייט שיין.

## לויב צו מיין ליד.

טוליע דיך, פריינט, ס׳איז אַ שכינה מיין ליד
און אונטער איר פליגעל רוהט היילינ אַ נאַכט
מיט אַ זילבערנעם שטעג, וואָס פירט ווידער צוריק
צום פאַרלוירענעם שלאָס.

דערצעהל־אויס דיין האַרץ, וואָס וויל ווערען אַ שטיין
און לערען מיין שיר, ווי אַ תפילה צו גאָט,
צו אַן אייביגען גאָט.

פאַל אויף דעם קוואַל! ס׳איז אַ קוועלע מיין ליד
און טרינק פון דעם קוואַל, אויב דיין נפש איז קראַנק
און פון מדבר פאַרברענט...
און רוה דיר א שעה פונ׳ם לעבענ׳ס געיעג. — —

דארפסט האָבען אַ פריינט, אַחוץ מיך און מיין ליד,
אין דיין שטייניגען וועג און אין לעבענ׳ס גערויש —
אַחוץ מיך און מיין ליד, וואָס איז אייביג אַזוי?!

טוליע דיך, פריינט. ס׳איז אַ שכינה מיין ליד.
און אונטער איר פליגעל רוהט הייליג אַ נאַכט,
וואָס הייליגט דיין צער און פאַרשלעפערט דיין זעל
ווי אַ בלימעל אין פעלד...

## כ׳נעם-אָן יעדע פּיינונג.

כ׳נעם=אָן יעדע פּיינונג פאַר ליב
און אַלץ, וואָס דער גורל מיר גיט.

עס לייטערט זיך הייליג מיין זעל
און ווערט ווי צופלאָסען קרישטאָל.

כאָטש נאָנט און אַרום איז די ערד
און ווייט איז דער הימעל פון גאָט –

איז קודש=קדשים מיין זיין
אין מיט צווישען הימעל און ערד.

אינצווישען איז פרילינג אין וואַלד:
געזאַנג צווישען ביימער און טשוויט.

אינצווישען איז זומער אין פעלד:
רויזיגע שקיעות ביים ראַנד...

און ס׳קומען, ווי שטראָמען פון ים,
די וואָלקענס פון זילבערנעם צער.

און גוט איז מיר, הייליג, דער וועג
און ווייך, ווי דער הימעל אַליין,

איידער דער טבת קומט=אָן;
און ווייט איז דער שנייאיגער שליאַף.

# אַפּנים ס׳מוז זיין.

אַפּנים ס׳מוז זיין דאָס דער רצון פון גאָט:
איך זאָל וואַנדערען אַלץ נאָכ׳ן שטראָם, נאָכ׳ן ווינט,
און נישט בויען קיין הויז מיט אַ פענסטער צום שליאַך.

אַפּנים ס׳מוז זיין דאָס דער רצון פון גאָט:
איך זאָל לעכצען נאָך רוה, זיין מקנא דעם ים
וואָס אין שטערנשיין זינגט ער דאָס ליד פון דער נאַכט.

אַפּנים ס׳מוז זיין דאָס דער רצון פון גאָט:
איך זאָל ווערען געליבט פון אַ סך, נאָר מיין האַרץ
זאָל פאַר פוסטקייט צוגיין און נישט זאָגען: כ׳האָב ליב.

און אַפּנים ס׳מוז זיין דאָס דער רצון פון גאָט:
איך זאָל זינגען מיין ליד מיר אַליין, מיר אַליין,
און מיין טרער זאָל נישט האָבען קיין שוים, ווען זי פאַלט.

## אומעטום איז דאָ כישוף.

אומעטום איז דאָ כישוף און פוסטקייט און נויט.
טייל טונקען אין ווײַן, טייל אין טרערען דאָס ברויט.
און טייל בענשען דאָס לעבען, טייל בענשען דעם טויט.

און מיך פאַנגט דער צויבער פון וועלטען און כ'זינג
דאָס שחרית־לויבליד און דאָס מנחה־שיין־ליד,
און מיין נפש געהט־אויף און די בענקשאַפטס־בלום בליט,

און מיך דריקט די פוסטקייט פון וועלטען און כ'טרינק
אַ כוס נאָך אַ כוס, ביז אין מידיגקייט כ'זינק,
ווי אַ שטיין אין'ם וואַסער דאָס וואַסער איז טיף...

און אַזוי געהען טעג זיך פול גאָלד און פול פיין,
און אַזוי ציהען נעכט זיך פול חלום און שיין,
און כ'בין ווי אַ שטיין אין'ם וואַסער אַריין.

## כ'בין פאַרפלאָנטעט...

כ'בין פאַרפלאָנטעט מיט מיין גוף און מיינע חושים,
איך קען דעם כישוף נישט און נישט זיין נאָמען.
איך פיהל ווי ס'גרייכען טיף די דערנער שוין צום האַרצען,
ס'סוד'עט עמעץ מיר אין אויער:
פאַל אין שויס פון דיינע בלומען — — —

כ'פאַל אין טיפע דערנערנעצען.

און ווען כ'דערהייב מיך און קוק־אום־זיך
אויף די אַרבע־רוחות־־עולם,
איז דער מערב רויט און קאַלט שוין.
ערשטע שטערען גלאַנצען, האַלטען
סוד מיט זשוזשענדיגע ביימער — — —
ווייַן איך, וויין איך...

ס'איז אַ טאָג פאַרביי און כ'האָב נישט
אין דיין ליכטקוואַל זיך גע'ט'בל'ט
און קיין שירה נישט געזונגען צו די ווייטע זומען הימעל.

טראַכט איך איינס נאָך:

ס'לויפט אַ שטורעמווינט אַרויס פון טיפע וועלדער
און אָהן שטערונג ציהט ער ווילד זיין ווייטען לופטשטעג
איבער אומבאַקאָנטע פעלדער — — —

שפרייט איך ד'אָרעמס, כ'ברום־אויס: ווי מיר!
און וויל ווייט פון מיר אַנטלויפען,
בלינד, דעם אויסגאַנגוועג צום מרחק,
איבער אומבאַקאָנטע פעלדער. — — —

# סיי וויִ סיי.

סיי=וויִ=סיי האָב איך אַ טייל פון לעבען אונטער מיִר,
כ׳ביִן נענטער שוין דעם צווייטען באָרטען פון מיין עבר׳ס ים.
אָט וויִנקט צו מיִר דאָס ווייסע זאַמד איִן שטיִלען מנחה=שיין
און זאָל דאָס זיין דיִ היים, וואו ס׳רוהט דער ווייסער גייסט פון גאָט?

כ׳האָב לאַנג געוואַנדערט, לאַנג געשמאַכט און רוה געזוכט און גאָט,
און איִצטער שטעה איך אויף דער שוועל פון פאַר=אַן=אָנהייב=וועג;
להאי כ׳ביִן היינט געבוירען ערשט. איך ביִן אַ קיִנד, וואָס גאַפט
ביים זעהן צום ערשטענמאָל דעם גאַנג איִן הימעל פון אַ זון!

דאָס ערשטע מאָל טוט וויי דאָס האַרץ ביים גוסס׳דיִגען טרוים,
ביים רויזיִג=רויטען אונטערגאַנג איִן מערב: בלוט און גאָלד — — —
און כ׳בייג דעם קאָפּ און גיִס אַ טרער... ס׳איִז דאָך דאָס ערשטע מאָל
צי האָב איך ווען געוויינט אַ מאָל און טיִפען וויי געהאַט?!

# מיין מאַמען.

אָ, מאַמע, מיין טרויריגע מאַמע, געבויגען
פון האַרציגען לייב און פון גורל געשלאָגען,
איך ווייס, אַז אין טאָל, אין׳ם פינסטערען טאָלגאַנג,
האָסטו נאָך דיין שטאָלץ און דיין שטאַם נישט פאַרגעסען.
אויף גליהיגען אַש פון דיין נפש דו חלום׳סט
דיין זוהן צו דערזעהן אין דער קרוין פון די ייִדעס...

און כ׳זעה אין׳ם שיין פון אַ יעדער מאָל שקיעה,
ווי ס׳ווייזט מיר דיין האַנט צו דעם באַרג, וואו עס שטעהט נאָך
דער יתום׳ער מקדש פון הייליגע אָבות —— ——
און טראַכסט: איך בין איינער, וואָס זאָל זיך פאַרהילען
און הייליגסטען זיידקלייד און קומען באַלייכטען
אין שטילע פאַרנאַכטען אויף ווידער דעם מקדש —— ——

און כ׳ווייס, אַז דו ווייסט, אַז מיין וועג איז פאַרלוירען
און זעהסט, אַז מיין שיף איז אויף רויביגע כוואַליעס;
עס רייסען די שטורעמס צו ווייט-ווייטע ברעגעס,
צו ווייט-ווייטע ברעגעס —— ——

און כ׳ווייס, אַז דיין ליבע, מיין מאַמע, מיין בלייבע,
דיין ליבע די גרויסע, די בלוטיגע ליבע,

אין גאַליגע שעה׳ען אין שנאה פאַרבייט זיך:
עס שעלט מיך צעווייטיגט דיין גייסט אין חלומות
און טרעפט מיך, דיין זוהן, אויף די איינזאַמע וועגען — — —

און פאַל איך נאָך יאָרען אין שטויב דיר צופיסענס,
ווי פאַר אַ מזבח פון יוגענד געהייליגט,
און שטיק מיך אין טרערען —
עס רינט נאָך אַ רינטשקאַלע בלוט פון דיין זעלע
און ס׳ווייזט מיר דיין ציטריגע האַנט נאָך אַ לעצטמאָל
צום באַרג, וואו ער שטעהט אַזוי טרויריג דער מקדש.

# די שירה פון אָוונט.

עס זענען די סאָסנעס אונז ביידע געוואַקסען
אין איין-און-דעם-זעלביגען וואַלד, זייער שורש
האָט תמיד געזייגט פון די טרויריגסטע טייכען.
אַ הייליגער אָוונט, פול טרויער-מתיקות
און תכלת-באַטרונקען, אין חלום-געשלאָפען
דאָרט איבער די צווייגען און ווייטע אַלעען.
עס האָט זיך דער טאָג נאָר געזעהן פון דערווייטענס,
אין חאַרץ פון אַ זילבערנעם וואָלקען אין הימעל;
וואָס שפּיגעלט זיין זילבער אין רויזיגע קוואַלען;
אין שפּיץ פון אַ גילדענעם צלם און שפּיצען
פון קופּערקופּאָלען און ראָטהייזערטאָרעמס;
און ס׳האָט זיך געחלום׳ט אַ מלכות אַ טונקעלס,
אַ מלכות פול סודות, וואָס טליעט אין שאָטענס.

נאָר הייליגע אירליכט פון יענעם געהייליגטען
לאַנגסטיגען אמת פון מעשה-בראשית,
זיי האָבען גערופען מיט בלענדענדיג ווייסקייט
אַלץ טיפער אין טיפקייט אין תהום פון געביישען
צווישען די אַלטעסטע דעמבעס פון וואַלדונג,
וואו טויזענטער-טויזענטער האָבען פאַרלוירען
דעם אויסגאַנג צום אָפענעם זוניגען מרחק...
וואו טויזענטער-טויזענטער צאַרטענקע בתולות
האָבען דאָס זיסעסטע קול פון געזאַנגען
אין האַלז נאָך דערוואָרגען...און האָבען פאַרשוויגען
דעם האַרץ׳ס שיר-השירים, דעם האַרץ׳ס הללוה׳ס

און ס'זענען די טעג זיי געגאַנגען לאיבוד
אָהן שחרית'דיג הויטקייט, אָהן שקיעה'דיג גינגאָלד.
דאָס האַרץ פון אַ בענקשאַפט, אַ וואַלדזועלענבענקשאַפט
דורך דורות און דורות אין טרערען געבּאָדען,
האָט טרויריגע פייגעל געבוירען אויף צווייגען:
אַ ווינט האָט געבלאָזען, עס האָט זיך געזונגען
די שירה פון אָוועגט, פון אייביגען אָוועגט...
און אַנדערע האָבען אין ווינקלען געפלאַטערט
און האָבען צום אויפגאַנג פון שטערען געצאַפּעלט;
און אַנדערע האָבען פאַר ועהטאָג געציטערט,
ווען ס'האָבען געטענט אינ'ם חלל די קלאַנגען
פון גלאָקען אויף שטיינערנע טאָרעמס פון קלאַשטאָרס,
וואָס הייבען זיך אָן צו צעהוידען און קלינגען
אַלץ תמיד צו מנחה און דוקא צו מנחה. — —

היי-היי! צי דען האָב איך דאָס אַלעס פאַרגעסע?
צי וועט עס גראָ-וואָלקען אין בוזעם פאַרבערגען?
די זילבערנע באָרד און דער שטערען פון זיידען,
דער זיידע אין טלית-און-תפילין, אין שטריימעל,
די ספרים פון פאַרמעט און ס'אָפּרעכטען חצות'ן
אין פינסטערע נעכט ביי אַ ציטריגען קאַנעץ,
דאָס זיידענע טיכעל, דאָס ווייסע דער באָבעס,
די באָבע ביים הייליגען ליכטבענשען פרייטאָג
און זאָגען אַ ל'בען „גוט-שבת" דעם קליינוואַרג —
איך ווייס, ס'האָט דאָס האַרץ און דאָס נפש באַפאַנגע

אויף אייביג און אייביג— —דאָך בין איך געגאַנגען...
דאָך בין איך געגאַנגען אַרויס פון דעם אורוואַלד,
מיין האַרץ איז די טונקעלסטע טיפקייט געוואָרען—
כאָטש איבער מיין קאָפּ איז געטרעטען אַ שחר
און ס׳האָט אויף די וועגען געזאָטען דאָס לעבען

מיין פריינט, און אויף וויטער ביזטו עס געבליבען
צופיסענס דיין שורש — — איך ווייס עס, אַז תמיד
נאָך לאַשטשעו די שאָטענס דעם הייליגען אורוואלד
און ס׳זינגט מ׳ט די טרויריגסטע פּייגעל דיין נפש
די שירה פון אָוועגט, פון אייביגען אָוועגט...
אַן ס׳רופען נאָך אירלעכט מיט בלענדענדיג ווייסקייט
אַלץ טיפער אין טיפקייט, אין תהום פון געבישען,
צווישען די אַלטעסטע דעמבעס פון וואַלדונג,
וואו טויזענטער-טויזענטער יונגען פּאַרלירען
דעם אויסגאַנג צום אָפענעם זוניגען מרחק;
וואו טויזענטער צאַרטענקע בתולות פאַרבענקטע
שמאַכטען און בליהען בשתיקה, בשתיקה
און וויאַנען, ווי רויזען, בשתיקה, בשתיקה — —
און ס׳וויינט אין די חצות׳ן נאָך תמיד אַ זיידע
געבויגען און האַרציג ביים שיין פון אַ קאָנעץ:
„אַ מלכות אַ חרוב׳ס פון מזרח-בערג׳ס קרישטאָל,
פון אופיר-לאַנד׳ס גינגאָלד אַ קרוין אויף די אַשען.
און אויף דעם געווייטען מקום-המקדש

קלאָגען שאַקאַלען און ס'שטעהט ריח'ס אַ טומאה...

— — — — — — — — — —

מיין פריינט, צי דען האָב איך דאָס אַלעס פאַרגעסען?
צי וועט דען אַוואָלקען זכרונות פאַרטראָגען?— —
צי בין איך דען שולדיג, וואָס איך בין געגאַנגען
אַרויס פון דער הייליגער וואַלדונג, ווען ס'האָבען
די זילבערנע אירלעכט אין וואַלד זיך געלאָשען?
צי בין איך דען שולדיג, אַז פייעריגע רויזען
האָבען געשפּראָצט מיר אַרויס פונ'ם חשכות
און האָבען געווינקען: צו י ע נ ע ר זייט וואַלדונג...
און איך האָב געצויגען פון עפּיס אַ מרחק,
צון עפּיס אַ הימעל אַזוניגצעגליהטען? — —
דאָך האָב איך געוויינט אַזוי טיף ביי מיין אָפּשייד
דאָס פּנים פאַרדריקט אינ'ם זייד פון פּרוכת
און נאָר נאָך אַ לעצטמאָל מיין תפילה געבעטען
צום גאָט פון די אָבות, ביים שיין פון נר-תמיד.

# ליבשאפט.

# דאָס איז דאָס לאַנד.

דאָס איז דאָס לאַנד, וואו די לבנה-בלומען וואַקסען
און ווערבעביימער שטעהען שטיל געבויגען
און היטען אַ מאַרמאָרפּאַלאַץ, מיט בלאָע
גאָלד-זוימיגע פּרוכת'ן פאַרצויגען.

דאָס איז דאָס לאַנד, וואו ס'איז דער קוואַל פון די געזאַנגען.
דעם גייסט פון גאָט דערזעהט מען פאַר די אויגען,
און אויף די ביימער טרעפט מען אַלע פייגעל,
וואָס זענען נאָך די ליבעסטעג פאַרפלויגען.

דאָס איז דאָס לאַנד, וואו ס'פליסט דער קלאָרער טייך פון טרערען,
וואָס ס'האָבן נאָך נשמות נישט פאַרגאָסען;
און ס'קומט די בענקשאַפט, ווי אַ צפון-ווינטעל,
וועקען מיינע סטרונעס אין די חצות'ן — —

און ס'איז די מלכה פון דעם לאַנד אַ הייליג מיידעל,
מיט גאָלדנע לאָקען און מיט תכלת-אויגען;
און וואויל דעם וואַנדע־ער, וואָס קומט צום שלאָס דאָרט
און קען זיין לעבען זיצען טיף-געבויגען. — —

# אומגעקלערט נאָך...

אומגעקלערט נאָך איז געלעגען טיף דער זעלענקוואַל אין שאָטען און דעם באַרג פון מיינע גייסטער האָבען נעפּלען נאָך באַשלייערט, ווען אין דרויסען ביי די וועגען האָבען ביימער זיך צעוואַקסען און די פייגל, זונגצייטשוואַלבען, האָבען פרילינגסצייט געפייערט.

איז געקומען פריה דער פרילינג איידער מיין באַשנייעט האַרצפעלד האָט דער ניסן-זון אָקעגען זיך געברייטערט און צעגליהט-זין?— וואָס׳זשע ציהט אַזוי מיין נפש צו דעם שוואַרצען, ווייכען אַקער? וואָס׳זשע וויל איך אַלעס קושען, וואָס מיט מיידעלשאַפט צעבליהט-זין?

וואָס׳זשע וויל אין ווייענזיסקייט זיך צעגיסען אויף די וועגען, גלייך מיט הימעלס זאַנפטע רעגענס אויף די פרישע גראָזען פאַלען?— איז געקומען שוין דער פרילינג, איידער ס׳האָט דאָס אייז געבראָכען אויף די יוגענדגלעטשער מיינע און אויף ליבשאַפט׳ס לידערקוואַלען?—

## כ'האָב גליק געהאַט...

כ'האָב גליק געהאַט ביי צעהנער מענשענסטעכטער יוגענדוויינ,
דאָך איינע פון די שענסטע צעהן איז איצטער מיינע נישט.
צעהן שענסטע האָבען ד'אויגען מיר, די ליפען אויסגעקושט,
איצט קושען זיי צעהן אַנדערע, ווי ז'האָבען מיך געקושט.

פאַר צעהן האָב איך געטיילט מיין האַרץ: צעהן קרישטאָלגלעזער בלוט,
דאָך יעדע האָט דאָס האַרצען מיינס אומגאַנצן פול געוואָלט:
דאָס האַרצען מיינס, די דיכטערוועלט, מיט זילבער, גלאַנץ און גאָלד,
די חלום-וועלט מיט מאָרגענרויט און הייליג מנחה-גאָלד.

פאַר צעהן בחורים אַנדערע האָט אַמאָר זיי געטיילט—
די שענסטע צעהן, וואָס ס'האָט מיין בלוטיג ליבשאַפטליד געפרייזט.
צעהן פראַכטגעשטאַלטען לעבען בלויז אין שטילער וועלט פון גייסט
און ס'איז אַ יעדעס ליד פון זיי אַ זיסער קוואַל פון טרייסט.

# איך בין נאָך יונג.

איך בין נאָך יונג — —
און ס׳האַלט געשפּאַנט די פליגלען הויך מיין גייסט.
און וואונדערליכע סטרונעס ציה׳ן די הענט
פון אָנהייב וועלט ביז צו דעם אָהן אַן ענד,
און איבער זיי געהט-אויף מיין זון און בלענט!
ביז ד׳ערשטע האָר פון זילבער שפּראָצען-אויף—
בוי איך ש״י עולמות נאָך פאַר מיר,
וואו איך רעגיר;
און שלעפּ פון די מסתרים אַלע אוצרות אַפּיר!
און זייג-אויס אַלע זיסקייטען דער וועלט׳ס!
און קריין מיין קאָפּ און מיידעל-קעפּ מיט קרענץ,
וואָס קומען שפּרייטען ס׳גאָלד אין מיינע נעכט. — —
איך בין נאָך יונג!
און ביז עלות-השחר ברענט דאָס ליכט
און ס׳שאַלט מיין הארץ— —
ווי קאָן איך דען פאַרשלאָפען יונגע נעכט,
אָהן ווילד געזאַנג און מיידלאַך׳ס רינגעל-טענץ,
אין זייגען ווייררויך און אין רויזען-קרענץ!
און שפּראָצען-אויף אין גאָלד פון מיינע האָר
די ערשטע זילבערנע און אָוועגט קומט—
איך שליס די צימערען און פיל-אָן פול
מיט האַשיש און מיט אָפּיום מיין געשיר — —
פינסטער, שטיל.
ס׳קומט קיינער שוין קלאַפּען אויף מיין טיר...

און אין אַ ווינקעל הענגט מיין פידעל שוין פאַרשטומט,
עס וועבט אַ שפין דאָרט אויף די סטרונעס איר געוועב.
און ביז עלות-השחר ברענט באַ'צער'ט
פֿאַריינגערוקט דער לאָמפּ...

# אָט באַלד וועסטו קומען.

אָט באַלד וועסטו קומען, מיין הייזעל וועט בלייכען
פון צווישען די טוי-אָנגעזאַפּטע ירקות
פון גאָרטען.

אין דרויסען וועט רויזיג דער מערב צעגיסען
פאַרגאַכטענדיג גאָלד.
דורך שויבען פון פענסטער וועט פאַלען פאַרציטערט
אַ פלאַם.

און גלייך ווי דיין ברוסט, וועט אין טיפעניש צאַפּלען
אַ גלאַנץ
און קושען די לענדען, צעגליהען דעם אַפּעל
פאַר תאוה וואָס קומט. — —

אָט באַלד וועסטו קומען אין זיידענעם איינהיל,
וועסט ברענגען אַ סוד:
אויף בלאָער יריעה אַרויס איז אַ שטערען
וואָס ווינקט...

וועסט טרעפען מיך שווייגען, שוין נאָכ׳ן געבעט
צו די געטער פון גליק.
וועסט שטרעקען דיין אָרעם און שפרייטען דאָס גאָלד
פאַר דער נאַכט...

## בת-ישראל.

1.

האָסט שוואַרצע אויגען, שוואַרצע, לאַנגע האָר
אין צעפּ געפלאָכטען צוויי,
און אין די אויגען רוהט דער שוואַרצער צער
פון דורות-לאַנג,
דער האַרצעדיגער פרומער אויגען-צער
פון נעסט-באַרויבטע פייגעל,
און ס׳עצבות׳דיגע גוטסקייט פונ׳ם פאָלק.

דיין שווייגען איז מיר טייערער אַ סך
פון בלאָנדע מיידלאַך׳ס זאָגען הויך: כ׳האָב ליב!

האָסט שוואַרצע אויגען, שוואַרצע לאַנגע צעפּ,
אַ קליין-פאַרשלאָסען מויל —
אַ הייליג שלאָס.

איך טרוי מיך נישט גענעהנען צו דער שוועל.
און כאָטש איך גלוסט —
איך טרוי מיך נישט מיט לעפּצען צו באַרירען דיך
און קושען שטיל דיין קאָפּ — —

ביסט הייליג, ווי מיין מאַמע, און אַזוי
איז אויך געווען איר מאַמע מיידעלווייז.
און דו וועסט אויך אַמאָל אין זייד געקלייט
שטעהן און בענשען שבת׳דיגע ליכט

און מיט די ווייסע, קליינע, צנועה-הענט
פאַרדעקען ס'בלייכע פנים דיינס און מורמלען פרום און שטיל...
איך שטעה פון ווייט
און בענטש דיך פון דער ווייט
און שפרייט די הענט
צום תפילה-טון. — —

II

און איך, וואָס האָב גערוהט אין זיסע טל-ומטר-נעכט
אין ד׳אָרעמס פון די תאוה׳דיגע דרום-מיידלאַך—זיי,
וואָס האָבען מיך דערהויבען אויף דעם העכסטען זילבערקלאַנג
פון זייער לאַך.
און כ׳האָב מיין האַרץ, מיין מוח און געדאַנק
פאַרלוירען אין דעם חלל פון דער בלאָער דרום-נאַכט—— ——
איך,
וואָס אין די כרמים פון דאַלמאַציע, ביים ברעג
פון דעם שמאַראַגדיג-בלאָען ים— די ווייטע אַדריאַ,
האָב זיסער׳ס נאָך פון ווייַן געטרונקען און פאַרטייבט אין רויש
דעם זכר פון מיין שטאַם, און נישט געדענקט דעם טאַטענ׳ס הויז,
וואו ס׳האָט די דאַרע מאַמע-האַנט געוויגט דורך לאַנגע נעכט
דאָס וויגעל מיינס... און אומעטיג געזונגען אַ געזאַנג,
וואָס בלויז די רעגענס זינגען אין די טריבע השון-נעכט,
אַז ס׳דאַכט זיך, אַז די זיבען הימלען און די ווייטע ערד
דאַרפען זיך צעגעהן פאַר לויטער צער און ווערען ים—— ——
איך—:
וואָס זינגען הויך און בלוט-אויפכוואַליענדיג און ווילד,
געלערענט כ׳האָב ביי דרום׳דיגע מיידלאַך. זינגען הויך
און לאַכען אויפ׳ן קול צון אַלע עקען וועלט, צום ים,
און דרייען זיך אין רינגעלטאַנץ אין ווייסען שטערענשיין—
האָפּקענדיג און דרייענדיג זיך אָהן אַן אויסלאָז—— ——
איך,
אַ פאָרכטיגער, אַ הייליגקייט-באַפאַנגענער איך שטעה

פֿאַר דיר, דו שיינע פּרי אויף דעם ווייַנבוים פֿון מיין פֿאָלק!
דו פּרי פֿון זיין שטילער טרער און גרויסען זעעלען-צער!
און כ'אָטעם-איין אין מיר די זיסע עצבות-הייליגקייט
און לערען מיך דאָס שווייגען אָפּ פֿון דיר
און וואַרט, ווי דו,
מיט אַ געשלאָסען מויל — —
דיין יונגער ברודער בין איך.
זעה!
דערקען!

ס'איז לאַנג אין מיר פֿאַרקלינגען שוין דאָס דרום-לאַנד-געזאַנג
און ס'זיסקייט פֿון דאַלמאַציע'ס ווייך-בלאָע כּרמים-נעכּט
איז לאַנג פֿאַרשוואומען, ווי דער שטראָם אין וויטער אַדריאַ,
אינאיינעם מיט דעם מיידעל-ליד. און מיט דעם אויפגעשריי
פֿון בלוטיג מיידעלגליק — —
און ס'רינט נישט מעהר אין בלוט פֿון מיינע אָדערען דער וויין
דער טונקעל-רויטער דאַלמאַטינער ווין — —
און אָפּגעווישט פֿון שטערען האָט דער הפקר'דיגער ווינט
דער חותם פֿון אַ מיידעלמויל, וואָס האָט מיך הייס געקושט,
ווען איך בין מאַט געפֿאַלען אין איר אָרעם נאָכ'ן טאַנץ!

III

אַזוי פלעגען זיין די דאַלמאַטישע נעכט
ביי דער אַדריאַ דאָרט,
וואו עס זילבערט זיך זאַמד;
און פון אונטער די פלייצעס
אַ שטעכיגער פלויט,
אַ הייזעל אַ ווייס
און אַ גאָרטען פון וויין.

אַזוי פלעגען קלאָגען די כוואַליעס פון ים
ביים ערשטען געפונקעל
פון שטערען אין שטראָם.
און אַזוי פלעגט אַ וואָלקען פון זילבערנעם שוים
וויגען זיך ווייך אין דער אַדריאַ'ס האַרץ
און טראָגען אין בוזעם אַ הייליגע רויז.— —

און אַזוי פלעג איך בענקען נאָך עפעס אַ פרוי
(ביי דער אַדריאַ דאָרט,
וואו עס ווייסעלט דאָס זאַמד) —:
מיט זיידענע האָר,
מיט אַ גוסלאַ אין שויס,
אין אַ הייזעל אַ ווייס
מיט אַ שטעכיגען פלויט,
אין אַ גאָרטען פון וויין — — —

און אַזוי פלעג איך צוהערען מיך צו דעם ווינט,
וואָס ברענגט מיר אַ הייליגען, גוסס׳ן קלאַנג
פון אַ ווייבעריש קול
פון אַ ציטערדיג ליד,
און אַ תאוה-געווין,
אַזוי זיס ווי אַ פרוי;
פון אַ כרם ביים ים — —

און אַזוי זענען אויך די גאַליציש נעכט,
(ווייט פונ׳ם ים
אין פון גוסלאַ-נאָקטורנס)—
ווען כ׳שפּאַן אויפ׳ן וועג
צו דיין שטיינערנעם הויז,
אַנטלאַנג די בולוואַרס.

און דו ביסט אַזוי ווי די ווייגאָרטענפרוי,
מיט די זיידענע האָר,
און אַ גוסלאַ אין שויס —
מיידעל פון שטאָט!
און ווייך איז דער ווינט, דער דערנאַכטיגער ווינט,
וואָס גלעט מיך און גלעט
אויפן וועג דורך בולוואַרס
צו דיין שטיינערנעם הויז.
און ר׳האָט אַזאַ תאוה-געווין, ווי דער ווינט

בײַ דער אַדריאַ דאָרט,
װאָס איז זיס און געשמאַק,
װי דו און די פּרוי
פֿון אַ כּרם בײַם ים. — —

ע:

געהסטו אַרויס פון דיין הייזעל
און הייבסט דיינע אויגען צום הימעל,
דאַן לאַכען דיר טיפבלאָע הייכען
און ס'ווינקען דיר אַלע מזלות.

קוקסטו צום מערב—ער עפענט
דיין האַרץ און פאַרציהט עס מיט פורפור,
באַגילדעט דאָס זילבער פון וואָלקענס
מיט רויזיגע כשפים באַהאָנגען.

נאָר איך, אַז איך קום פאַר דיר קניען
איך בייג דיר צופיסענס דעם הימעל
און ס'גלאַנצט דיר מיין וועלט אין איר פּישוף
דאָן—בין איך אומזיסט נאָר מתפלל.

V

נאָך געווג בענקשאַפט פאַרמאָגען די נעכט, די ווייסע און זילבערנע נעכט.
נאָך געווג ציטריגע טראָפּאַלאַך טוי פאַרמאָגען די אויגען ביי מיר.
און וואָלסטו גענעכטיגט אין חצות׳ען, געהאַלטען דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ,
וואָלסטו ערשט מיט טאָגליכט דערזעהען אויף זיידענע פלעכטען ביי דיר:
פון שנוראַלאַך פּערעל אַ ציר.

נאָך געווג נאָגענדע קדושה פאַרמאָגען די בלייכע און זילבערנע נעכט.
נאָך געווג טיפליכען גליקענבאַגער פאַרמאָגט עס מיין זעעל אין איר וואוין.
און וואָלסטו גענעכטיגט אין חצות׳ען, געהאַלטען דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ,
וואָלט איך דיר געזונגען פון גליקען — און דו וואָלסט פאַרשטאַנען דאָס שוין,
און דאָס וואָלט געוועזען דיין לוין.

VI

און אָפּטמאָל חלומ'ט זיך מיר זיס דער חלום וואַכערהייט:
אַ שטיבאַלע, אַ פענסטער'ל אַ קליינס,
אַ פאָרהאַנג, ווייס ווי שניי,
און דו —
מיט שוואַרצע אויגען, שוואַרצע האָר,
אַ קליין פאַרשלאָסען מויל — —
מיין כשר ווייב!

און עפען איך די אויגען אויף און קוק אַרומטיר—פּאַלט
אַ גרויסע טרער אַראָפּ,
די טרער איז זיס — —
און מיר טוט וויי, וואָס איך האָב דיך דערקענט...

VII

אַ באַלקען איבערן קאָפּ. אַ היימיש ליכט.
אַ פּייערל אין קיך. אַ שטילע פרוי,
פון וועלכער׳ס אַקסלען ס׳קוילערט זיך אַראָפּ
אַזאַ מתיקות׳דיגע ווייבליכקייט.

צוויי קליינע הענטלאַך וואַשען מיר דאָס העמד,
ווי לויטער שניי. און ביז אין שפּעטער נאַכט
צערעווען די הענטלאַך מיר די וועש.

און אין געהיימען כאָוועט זיך און וואַקסט
אַ זיסע האָפנונג, אַז ביז צום יאָר
וועט שפּילען זיך אַ קינד אויף מיינע קניה׳ס
און פּלאַפּלען: פּאַ...
און רייסען מיינע קנעפּ.

# האַנומאַ.

אויף דיינע ברוסטען רוהט קיין דיכֿטער נישט, וואָס איז
זיס-געזאַנגען-מיד און וואַנדערונגען-מאַט,
נאָר ס׳רוהט אַ בחור, וואָס איז קיינמאָל זאַט
פון ווילדער תאוה און פון אוצרות געלד — —

דו, שטילע צירונג אין מיין דיכטערוועלט!

אַז ס׳קומען נעכֿט פון ווייכֿען זייד, ווי דיינע פלעכֿט
און ווי די אויגען דיינע — — זיסע נעכֿט,
וואָס מאַכען נאָנט דיך מיר און דו ביסט ווייט.

אָ, דו, האַנומאַ פון מיין סטאַמבול-צייט!

און כֿ׳פיהל אויף ד׳אַקסלען דיינע ווייכֿע האָר,
איך קוש דיין מויל, ס׳איז נאַכֿט, איך ווייס אויף וואָר:
מיר וועלען קיינמאָל, אַך, נישט זיין קיין פּאָר,
נאָר בענקשאַפטס-קינדער צוויי אויף לאַנגע יאָר—
אָ, הייליג מיידעל מיט די שוואַרצע האָר!

ווי קאָנסטו לאַכען, אַז געזעהן האָסטו
נאָר איינמאָל ווי מיין אויג איז טרערענפול ?
ווי קאָנסטו לאַכען, אַז געהערט האָסטו
דעם קלאַנג פון מיינע רייד : דאָס וויינען שטיל ?

ווי קאָנסטו טראַכטען פון אַ זיסער היים
און פון אַ קינד, וואָס לאַכט און רופט דיך : מאַ...
אַז דו ווייסט גוט, ווי איך בין מלא צער
און אַז כ'דערשטיק אין האַרץ דאָס וועהגעשריי ?

III

זאָג, איז אמת וואָס מיין האַרצען זאָגט מיר,
אַז נאָך די אויפדערנאַכטען, וואָס דו זעהסט מיך,
גליהט דיין קאָפּ ביז האַלבער נאַכט און ס'טרערען
דיינע אויגען אין די ווייסע קישענס? — —

זאָג, איז אמת וואָס מיין האַרצען זאָגט מיר,
אַז אין די אָרעמס פון אַ צווייטען שליסטו
ד'אויגען, זעהסט מיין בילד און דיינע ליפּען
רופען הייליג אין געדאַנק מיין נאָמען? — —

און זאָג, צי זוכסטו אויך דעם האַרצענס סוד-וועג
צו מיין האַרץ, ווי איך צו דיינעם זוך מיר.
און אין דמיונות קוששטו מיך און האַלדזסט מיך,
ווי איך אין די דמיונות קוש און האַלדז דיך? — —

IV

אויף דיוואַנעס ווייכע און טעפּיכען, וועכטו
שטיל אין דער נאַכט אַ האַלב-נאַקעטע שלייכען,
די לאָקען צעלאָזטע,
צום ווייסען געלעגער,
וואָס אונטער דער אַטלאַס-געשטערנטער חופּה.

וועסט הערען צוועלף קלאַנגען פון שטיינערנעם טורעם:
ס׳וועט קומען דיין מאַן אין די אָרעמס דיר רוהען.

און איך—
אפשר וועל איך נאָך יאָרען אין ווייטקייט,
אָרים, אָ־ רייך מיט געזאַנג און אַהבה
אין גאַנצער וועלט׳ס גוטסקייט,
נאָך וואַנדערען איינזאַם.

נאָר אָווענט׳ס,
אַז ס׳וועלען מיר ווינקען מיט ציטער
באַלאַכטענע פענסטער פון שטאָקיגע הייזער,
וואו ס׳וואוינען משפּחות מיט קליינענקע קינדער —
איך וועל דיך געדענקען,
פאַרלוירענע מיינע!
און טרערענדיג וועל איך דיין נאָמען דערמאַנען.

V

איך בענטש די רגע, הייליגע, מיט גוטע, שטילע אויגען,
ווען איך געדענק דיין שוואַרצען קאָפּ, די גוטע שטילע אויגען.

כאָטש וויי מיר, וויי, ווען כ׳טראַכט, אַז ביסט דאָס נאַכטווייב פון אַ פרעמדען
און אים געהערען זייד-האָר שוואַרצע, לענדען, גוטע אויגען...

ווי זיס מיר איז דאָס, הייליגע, מיט גוטע, שטילע אויגען,
ווען כ׳טראַכט: אַ פרעמדענ׳ס דיינע האָר, די לענדען, גוטע אויגען..

און ס׳קענען ווײנען ד׳אויגען, ווייס איך, שטילער אין די קישענס,
דעמאָלט, ווען דער פרעמדער פּאָפט און כראָפּעט אין דער זייט דיר — —

און כ׳גיס מיין האַרץ אין ליד אויס, און דערצייל אין שטילע וו רז.ן;
ווי וויי מיר טוט, מיין הייליגע, מיט גוטע, שטילע אויגען...

# ס׳איז שוין אַזאַ רעכט...

ס׳איז שוין אַזאַ רעכֿט אין דעם מלכֿות׳טום ליבשאַפט,
אַז דער, וואָס בויט שלעסער פֿאַר שעהנקייט אויף דר׳ערד
אַ דעם איז די שענסטע דער וועלט׳ס נישט באַשערט.

ס׳איז שוין אַזאַ רעכֿט אין דעם מלכֿות׳טום ליבשאַפט,
אַז דער, וואָס פלאַנצט בלומען ביים גאַנג אין דער וועלט
אַ דעם וואַקסען דערנער, שטאָט בלומען, אין פעלד.

און ס׳איז אַזאַ רעכֿט שוין אין מלכֿות׳טום ליבשאַפט,
אַז זעלטען נאָר פֿאָרען-זיך הערצער צו איינס
און האָבען דעם שיין פון אַ טרערעל אַ שיינס...

# דו ביים קלאַוויר.

1

פון דער שויב צווישען ווייכע גאַרדינען פאַלט גלאַנץ
פון לבנה אויף דיר און אויף האָלץ פון קלאַוויר,
און לינקס אויף דער וואַנט הענגט פאַרוויאַנעט אַ קראַנץ,
וואָס הערט ווי אין חלום די לידער פון דיר...

אַ תהום איז דיין אויג און דיין ווענען — אַ ים,
וואָס צעגיסט זיך פול-קלאַנג אין אומענדליכען לאַנד
פון אומענדליכען לייד און אומענדליכער ליב׳ — —
און איך בין דער יתום׳ער בוים אויפ׳ן שטראַנד...

און דיין בין איך דעמאָלט אומגאַנצען, און אַלץ,
וואָס איז אַזוי טרויריג אין מיר — איז אין דיר.
מיין האַרץ ליגט געעפענט אין האַרץ פון קלאַוויר
און גיסט זיין מתיקות אַריין אין דיין שיר. — — —

11

אין די זעלטענע שעה׳ן פון רויזיג-פאַרנאַכט,
ווען כ׳זינק אינ׳ם פלוש פונ׳ם ווייכען געזעס
און זילבערנער שיין רוהט אין גלאָזען געפעס —
פון דיר און פון מיר, ווי פון איינעם, איך טראַכט.

און כ׳ווייס נישט ווער איך בין. איך ווייס נאָר: ביסט איך —

פול ליבשאַפט, פול צער, און דער גאַנצער וועלט׳ס גוטס,
און כ׳וואָלט אַזוי אייביג זיין דו— —און איך זיין
אַ געבויגענער... שאַ.

### III

שפיל, שפיל מיר דעם וואַלסער... ס׳איז גוט אַזוי, גוט.
עס שווימט אין געדאַנק מיר א זילבערנע נאַכט...
און כ׳זעה אין סאַלאָן דיך אין זיידענער טראַכט.
עס טאַנצען די פּאָרלאַך און מיר טריפט דאָס בלוט.

שפיל, שפיל מיר... אָ היי! ווּעמען דיי און ווּעם׳ גוט!
ס׳איז וויי מיר און זיס מיין געדאַנק און זיין וואָר:
עס שפּילט די מוזיק... ס׳איז צעפלאָכטען דיין האָר...
איך טאַנץ מיט דיר מיט, כאָטש עס גיסט זיך מיין בלוט!

### IV

דו וואָלסט מיך געליבט און האָסט אפשר מיך ליב
און ס׳נאָגט דיך די וויי, וואָס געליבטע ואָר נאָגט.
דאָך זאָגען: כ׳האָב ליב, האָסטו קיינמאָל געזאָגט,
און ס׳גלאַנצט דיינס אַ טרער ווען איך בין נישט אין שטוב.

און איך האָב דיך ליב, פֿ'בין די ליבע אַליין,
און כֿאָטשע איך רוה אין אַ צווייטערס אַ שויס—
אין די חשך'סטע נעכֿט קומט דאָך קיינמאָל די רוה!
מיין האַרץ גליהט פאַרפרעמט, ווי אין מדבר אַ רויז.

און כֿ'וואַך-אויף מיט פרייד ווען דער מזרח איז רויט
און טראַכֿט: אַז די זון וועט פאַרגעהן, וועל איך זעהן,
ווי דו זעצסט דיך מיט הייליגער פאָרכֿט צום קלאַוויר
און ווי האַרציג און בלאָס ס'זענען ד'אויגען ביי דיר. — —

V

און געזעסען ביסטו, ווי דיין טבע איז אָפט:
אַזוי נאָנט צום קלאַוויר און געלאַכֿט און געלאַכֿט.
און דיין אויג איז געווען אַזוי פייכֿט ווי די נאַכֿט,
און מיין האַרץ האָט געוויינט, האָט געוויינט אין דער שטיל.

און דו האָסט גערעט, ווי דיין שטייגער, פול קלאַנג,
פון דיר האָט דיין מויל ניט גערעט, נישט גערעט —
און כֿ'ווייס: האָסט געוויינט אַזוי שפעט אין דער נאַכֿט
ווי דיין שטייגער איז אָפט ווען דו ליגסט אויפ'ן בעט.

נאַכט איז. די ביימער אין דרויסען ביים שטיינוועג
זיך וויגען אין חלל און הערען דיין ניגון,
וואָס קוואַלט פונ'ם פענסטער אַרויס. און עס ציטערט
אַ יעדערער שאָטען אין גאַס. און עס פליטערט
מיין טרער, ווי די טויען אויף גראָזען וואָס ליגען.

מער ווי אומענדליך דער ים — איז מיין ליבשאַפט,
און טריבער אַ סך פון דער נאַכט איז מיין האַרצען.
דיין ניגון מאַכט טיפער און שטאַרקער מיין בענקשאַפט,
און אַלץ, וואָס אַרום מיר, איז ענגשאַפט, איז ענגשאַפט.
איך האָב נישט קיין אָרט פאַר דעם שטראָם פון מיין האַרצען!

אָ שפיל! כ'וועל מיין פולקייט אין שטראָם איבערטראָגען
צ, דיר, אין די הענט, אויף די ווייסע קלאַווישען!
אַוווינטעל וועט קומען די טענער צו טראָגען
אויף זיבען רויש-ימים, און וועט מיט דעם קלאָגען
פון זייערע כוואַליעס די לידער פאַרמישען. — —

אָ, שפיל! כ'וועל מיין זיין, ביז אַן ענד נעמט, פאַרגיסען.
כ'וועל שליסען די אויגען, ס'וועט רייסען דער ניגון
און איך וועל אַ שיפעל אין מיטען שטראָם ווערען— —
כ'וועל ווייט זיין פון דיר, כ'וועל דיין בת-קול נישט הערען,
און ווילד אויף מיין אייגענעם האַרץ-ים זיך וויגען!

## VII

דיין קאָפּ האַלסטו שווער צום קלאַווירהאָלץ געבויגען,
די לעפלאַך פון ד׳אויערן, די באַקען, דיר גליהען.
דאָס ליד איז פאַרקלינגען... כ׳זעה מחנות-ווייז וואָלקענס
איבער דעם דאַך פון דיין הייזעל, זיך ציהען.

כ׳זעה מחנות-ווייז קראָהען דורכרייסען דעם אַויר
און שרייען און בעטען אַודאי נאָך רעגען;
דיין שווייגען טוט וועה מיר... דיין שוויגען זאָגט: מאָרגען
וועסטו זיין דאָס בלאָנזשענדע ליד אויף די וועגען!

## VIII

שוין ווידער איז שקיעה פון יענער זייט מויערען,
וואו פעלדער זיך ציהען אין גאָלדגלאַנץ פון שקיעה.
שוין ווידער דאָס ליד דיינס, אין פעלדער דערמאַנט עס:
אַ טייכעלע קומט זיך באַטרענקען די תבואה...

אָט רוישען די זאַנגען... אָט לאַכט זיך אַ מיידעל...
איך הער אַ געקליר פון אַ סערפּ און אַ קאָסע — —
באַלד פיהל איך: ס׳איז נאַכט, אויף געשניטענע זאַנגען
פאַלט שטיל פונ׳ם הימעל ברילאַנטענע ראָסע.

## IX

און דאָס איז בלויז דיין מיידעלהאַנט די ווייסע
מיט בלאָע אָדערלאַך אויף די קלאַווישען ?
און דאָס איז בלויז אַ וויינרויט-האָלצקלאַוויר
און נישט מלאכים זינגען מיר דעם שיר ?

און דאָס איז אַ סאַלאָן און נישט קיין היכל,
מיט זיידענע יריעות ביי די פענסטער ?
און ס'קומט מיין האַרץ און סוד'עט מיר אין אויער,
אַז דאָס בין איך, דער זוהן פון הימלענס טרויער...

און דאָס איז וואָר, אַז מיר צוליב איז אָט דער
בין-השמשות ביים קלאַוויר, דאָס שפּילען
בעטהאָווען און שאָפּען'ס זיסע לידער ? —
און ס'קומט אַזאַ פאַרנאַכט צו מיר נאָך ווידער ? —

## X

און היינט איז אַ טאָג, ווען עס לאַכען אין הימעל גאָט'ס וואונדער-מזלות צו מענטשען !
און היינט איז אַ טאָג, וואָס די דערנער פון ליבשאַפט געדענקען נשמות צו בענשטען !
און היינטיגען טאָג וויל דאָס האַרץ מיינס פאַרגעסען אין אַלע פאַרלוירענע שאַצען,
דאָך ציטערט עס ווידער ביים שפּילען, עס זאָלען די צאַרטעסטע סטרונעס נישט פּלאַצען !

אין היינטיגען טאָג האָב איך מורא פאַר ווערטער... עס ליגט נאָך מיין האַרצען צעריסען.
און איך וואָלט עס וועלען אין קולות, אין טענער, ווי הימלישע כוואַליעס צעגיסען!
איך ווייס נישט וואָס ליב׳ איז, וואָס נישט ליב׳, איך ווייס נאָר: מיר זענען
זיך גאָנט און צוזאַמען.
מיין שיף שטעהט געאַנקערט ביים ברעג און עס וויל נישט אַרויס אויף די
רוישיגסטע ים׳ען!

XI

איך קען דיינע אויגען, די בלאָע, ביים לאַכען
און זעה די פאַרבאָרגענע טרער אין איר גלאַנץ.
איך הער דיינע זיפצען, ווען גליהיגע יונגלאַך
די אָרעמס דיר שטרעקען און רופען צום טאַנץ.

אַן אַנדערע פרויהאַנט באַרירט די קלאַווישען
און דו העלפסט ביים טאַנצען צום טאַקט און צום קלאַנג — —
עס דרעהט זיך דאָס ראָד רינג-אַרום... און מיר ביידע
פאַרשוועבען אין לאַנד פון פאַרגעסענגעזאַנג — —

XII

וועסט מיינע נישט זיין... און איך טראַכט נישט, איך טראַכט נישט.

איך רייס פון מייןְ טיפקייט דעם עתיד-געדאַנק...
וועסט מיינע נישט זיין, וועסט אַ צווייטען געהערען,
דאָך היינט זענען נאָנט מיר און כ'הער דיין געזאַנג!

דאָך היינט זענען נאָנט מיר... איך זעה דיינע אויגען
און טייל אין אַרגע דאָס אייביגקייטגליק— —
דו שענקסט מיר דיין האַרץ אין די טרויער-ניגונים—
אַ יעדערער טאָן איז דיין האַרצען'ס אַ שטיק.

XIII

ס'איז זעלטען די שעה, ווען איך טרעף דיך אַליין דאָ,
און אָפט איז די שעה, ווען איך הער, ווי דו לאַכסט.
עס ברענגען דיר צעהנער בחורים בוקעטען
און איטליכע בלום דו באַטראַכסט און באַטראַכסט.

דאָך מאָרגען, שוין מאָרגען, דו זעהסט זיי פאַרוועלקען
און דריקסט צו דער שוועלענדער ברוסט זיי נישט מער;
און ציהסט פונ'ם אַלבום אַרויס מיינע רויזען
פון נעכטען... און ס'פאַלט אויף די רויזען דיין טרער

## XIV

דו זאָגסט, אַז ס׳איז פרעמד דיר דאָס גליק און די ליבשאַפט,
און ווילסט אין אַ רויש זיך פאַרגעסען, פאַרגיין,
און כ׳ווייס, ווען דו זיצסט אינ׳ם פריידענגעזעמעל
פון דיינע סאַלאָנפריינט, ביסטו דאָך אַליין.

און כ׳ווייס, אַז דו ווילסט צום אָלימפּ דיך דערהייכען
און אויפגעהן אומגאַנצען אין פלאַם פון אַלטאַר — —
און דו זיצסט און דו לאַכסט, ווי די אַנדערע לאַכען,
דאָך גרעסער און טיפער איז דעמאָלט דיין צער!

## XV

און בלאָ איז געווען און באַנג... ס׳האָט געשטערענט
די נאַכט דורך די שויבען אַריין אין סאַלאָן.
און ס׳האָט זיך געטונקעלט דאָס ווייגרויטקלאַווירהאָלץ
געקושט פון אַ גוסס-צעגאָסענעם טאָן — —

האָסט גאָר נישט געמורמעלט. נאָר דו ביסט געווען
אומגאַנצען נשמה און לויטער געהער — —
און איך האָב געשוויגען; מיין זעל איז געווען
אַ סטרונע צום רירען. מיין האַרץ —נאָר אַ טרער.

ס׳איז זונצייט אין דרויסען און שניטצייט אויף פעלדער
און שניטצייטגעזאַנגען שפּילט נאַכט׳ס דיין קלאַווער.
דיין שטוב איז פאַרשלאָסען. מיר זיצען צוזאַמען.
דיין האַרץ האָט צו מיינעם געעפענט אַ טיר.

דיין האַרץ איז אַ גאָרטען. די ליבע אַ בוים דאָרט,
עס וואַזשען די צווייגען פול פירות צו דר׳ערד
און ס׳מורמעלט אַ ווינטעל: ס׳איז גאָלדענער תמוז— —
מיין האַרץ האָט דאָס הייליגע מורמלען געהערט...

# איך ווייס...

איך ווייס: עס וועט קומען אַ העקער צו גיהן און האַקען דאָס יונגע געצווייג,
פאַרדאַרבען אין גאָרטען די הייליגע בייט, וואָס איך האָב געפלאַנצט מיט געזאַנג.
איך ווייס: עס וועט קומען אַ פרעמדער הייס-ווילד פרעסען די פרוכט פון דיין שטאַם
און איך וועל זיין גלייך צו אַ קרענקליכער בלום, וואָס ס'פעהלט איר דער טויענגעט

איך ווייס: וועסט באַווייזען אַ שטילע זיך גיהן אויף אַ זילבערנעם שטעג אין מיין
און איבער דיין לאָקיגען גאָלדענעם קאָפּ וועט גלאַנצען אַ פערלענע ציר —
דאָך באַלד, ווי אַ פלאַטערדיג שטערענדעל גלייך, וועסטו ווערען פאַריסען פון מיר
און וויינען וועל איך מיט געוויין אין דער נאַכט און רופען דעם נאָמען פון דיר.

איך ווייס, אַז אויף אייביג פאַרבלייבסטו אַזוי דער סוד פון דעם ציטריגען קלאַנג
וואָס רייסט זיך אַרויס פונ'ם בלוטיגען האַרץ, ווען הייליג דער טרערענקוואַל זידט.
איך ווייס, אַז אויף אייביג פאַרבלייבסטו אַזוי דער גלאַנץ אין פאַרכמאַרעטען סוף,
נאָך וועלכען מיין פלאַקערדיג אויג און די זעעל מיט גיריגען גלוסטען עס ציהט.

איך ווייס, אַז פאַראייינזאַמט מיט שאָטענס און קראַנק, איך וועל אין אַ באַנגען פאַר
ווען ס'רעגט זיך דער נאָגענדער ליבעבאַגעהר, שטיל פאַלען אַן אָבל צו דר'ערד
און שעפּטשען פאַר'חלש'ט אַ ודוי פאַר מיר און בעטען די אָרעמס געשפּרייט—:
דער לעבענס-מחבל זאָל קומען פון ווייט און קרייצען מיין גוף מיט זיין שווערד.—

—

# אַ הפקר-מיידעל.

.1

פאַר דיין גערויבטער מיידעלדיגער צניעות
שטעה איך, ווי איך שטעה פאַר זונען-שקיעות!
פאַר דיין אַנטקרוינטען מלכות--קאָפּ, דעם בלאָנדען,
ברעך איך ווייטאָגפול צונויף די הענט,
ווי פאַר אַ מקדש, וואָס אַ שונא האָט געשענדט,
און כ'שטעה פאַר דיר, אַ ווערבעבוים, געבויגען,
און טרערען געהען-אויף אין מיינע אויגען. — —

דו ביסט די לעצטע וואַנט פון יענעם פּראַכטשלאָס.
כ'וויל הייליגען דיין שאָטען. כ'וויל מיין האַרץ-כוס
פולען מיט די טרערען, וועלכע פליסען
נאַכט אויף נאַכט פון דיינע זיסע אויגען — — —
דעמאָלט שטעהען זקנים אויף און קלאָגען
און הינט אין הייף און הינט אין גאַסען בילען
און קענען נישט פאַר עלענדקייט זיך שטילען...

דערצעהל, מיין מיידעל, כ'הער, דיין האַרציג לייד.
עס פאַלען אויף מיין האַרץ די טונקלע רייד,
ווי טראָפּענס רעגען אויף אַ בלומענבייט.

איך אָרעם דיך און זאָג: פאַרגעס, פאַרגעס.
אַ יעדער פרילינג ברענגט אַ פרישען בעז
אין דער אַלעע—
און כ'שטעה און זעה:
אַ נאַכט באַפּאַלט דיין ווייס-געקאַלעכט הויז...

אַ פייערל, קום, צינד צו מנחה-צייט
און לאָמיר זיך דערצעהלען ביי אַ פלאַם:
ווי שווער עס איז דאָס שיידען-זיך און געהן,
ווי גוט און זיס עס איז דאָס זיין צוזאַם!

אויף ערשטער ליבע, האַרציג מיידעל, זאָג:
ז'איז טויט... און אפשר קיינמאָל נישט געווען.
און האַלדז אַ דעם, וואָס איז אַצינד דיר ליב
און גלויב אין דעם, וואָס דיינע אויגען זעהן!

דו שווייגסט — —
דערצעהל!
פון פענסטער פאַלט ווייס שטערענליכט אריין:

ס׳איז זילבערן דער טיש,
די בררייטע באַנק — —
און זיס איז צו דערצעהלען־זיך
אַזוי־אָט זיצענדיג
אין ווייסען שטערענליכט
אין האַלבער נאַכט אריין.

III

זאָלען צעהן טויזענט פאַרלאַכען דיין ריינקייט,
איך פאַל פאַר די פיס דיר אין שטויב!
און זאָלען צעהן טויזענט פאַרלייקנען דיין ליבשאַפט,
איך בלייב ביי דיר איינער און גלויב!

און קומט ווענס דער שטן צו געהן און רעדט שלעכטקייט,
אז נעפעלשיין, תהום-טיף איז אַלץ,
דאָך... ניז׳ערט די זון נאָר אין מערב—איך אייל שוין
אין הענג מיך אַרום אויף דיין האַלדז!

## IV

איך האָב נישט קיין עושרות געוואָלט,
קיין חלק אין זילבער, אין גאָלד;
דאַפאַר האָב איך איצט נישט קיין היים,
וואו עס זאָל ברענען דאָס ליכט.

איך האָב נישט געירש'עט קיין פעלד,
קיין גערטנער פון בלומען געאַרבט,
דאַפאַר איז דיין קאָפ נישט באַקראַנצט
ווי אַנדערע מיידלישע קעפ.

דאַפאַר אָבער האָב איך אַ האַרץ
האָט דאָרט די ליבע איר וואוין.

דאַפאַר אָבער בין איך געבענשט
מיט לויטער נשמה-געזאַנג.

דאַפאַר האָבען מיידלאַך מיך ליב
און זענען מקנא מיין טייל...

## J N G.

### 1.

איך ווייס, אַז מיין ליבשאַפט, וואָס כ׳ליב דיך אין פיין און פאַרגיס זי אין אייביגען ליד,
וועט שטאַרבען אַזוי ווי דער זומער צעגעהט זיך: דאָס רויטקייט וועט שטאַרבען אין גאָלד.
און ווי די געפאַלענע גאָלדבלעטער ס׳טראָגט צו דעם ווייטען אוקינוס דער ווינט,
וועלען פאַרפליהען די שעה׳ען פון גליקען, ווען איך האָב דיך קריינען געוואָלט.

איך ווייס: ס׳וועלען נאָך אַ סך יאָרען זיין בלאָ דיינע אויגען און גאָלדיג דיין קאָפּ,
און דו וועסט געדענקען און צאַפּלען אַזוי אין דער שויס פון אַ צווייטען אין ווייט;
און וועט ער דיך פרעגען: „האָסט ליב מיך ? נו, זאָג!״ דו וועסט שווייגען און געבען אַ קוש
און וועט ער פאַרייסען דיין האַנט פונ׳ם אויג — דו וועסט לענקען דעם קאָפּ אין אַ זייט.

און איך, איך וועל געהן און דורכוואַכען די נעכט אין אַ לילית׳ אַ וואַרימע שויס.
ניט זוכען קיין שיין פון אַ שטערן, וואָס פאַלט און דערמאַנט אין די הייליגסטע נעכט...
כ׳וועל זאַמלען דעם איבערגעבליבענעם גליה אינ׳ם אַש פון מיין חרוב׳ען האַרץ
און ציטערדיג אָרעמען וועל איך דעם גוף און וויסען: מיין אַלץ איז פאַרשוועכט!

דאָך — אַך! — ביז מיר קומען צום אָרט, וואו עס געהען די וועגען זיך טרויריג פאַנאַנד,
מיר וועלען זיך קלאַמערען, זעלען צעגיסען, און קלינגען מיין ליד וועט אין לאַנד!
און איך וועל נאָך געהן אויף דעם דאָרניגען פעלד און רויזען דיר קלויבען פאַר קרענץ
און ס׳וועט זיך אַלץ וועלען באַטייבען מיין זעל אין נעכטרויש פון פריידפולע טענץ.

א

און ביסטו נישט מיינע—מיר איז עס גענוג, אַז אַ מאָל ביסטו מיינע געווען.
און אין אַלע די נעכט און פאַרנאַכטען פול-שטערען, וואָס האָסט מיר דיין סוד-וועלט פאַרטרוי
און אין אַלע די נעכט און פאַרנאַכטען פול-זיסקייט, וואָס איך האָב מיין גליקשלאָס געבויט
האָב איך איבערלעבט שוין די אייביגקייטסצייטען, וואָס ס׳האָט נאָך קיין אויג נישט געזעה

•

כ׳וועל אָרעמען אפשר אַ סך נאָך פון גופים און זינקען אין קוואַלען פון פראַכט
מיין גוף, מיינע ליפען, די אויגען און הענט וועל איך שענקען דער תאוה אַוועק.
כ׳וועל איילען צום שטראָם פון אַ רויש-פולען ים, דאָך מיין האַרץ וועל איך היטען ביים בר
כ׳וועל אַלץ פון מיר געבען! נאָר ס׳האַרץ מיינס וועט זיין, ווי אַ שלאָס, פון זכרונות באַוואַכ

און דאָס, וואָס כ׳וועל ליבען, ווערסטו זיין דערינען און אַלץ, וואָס דערמאַנט נאָר אין דיר:
דער הימעל וועט ווענס בלאָע אויגען דערמאַנען און זאַנגען—דאָס גאָלד פון דיין קאָפּ.
כ׳וועל לאַכען ביים זאָט פון געזאַנגען און ווײַן, און אין אויג וועט מיר אויפגעהן אַ טראָפּ.
און קיינער וועט זעהן די באַהאַלטענע בלוטען פון אונטער מיין חורבה אַפיר.

III

דו האָסט מיט די מיידלישע פלאַמען אין תאוה-פאַרלוירענע ליבשאַפט,
אין גאָלדרויש אויפגעהענדע שעה׳ן, די זיידענע שלייפען פאַרברענט,
די זיידענע שלייפען, וואָס האָבען געצויגען זיך איבער מיין קאָפ
און האָבען די ווייטעסטע הימלען מיט וועגען פון יוגענט פאַרקניפט.
דו האָסט מיינע ליליען געריסען, וואָס האָבען נשמות פאַרבלענדט.

דו האָסט אויך דעם שורש געריסען, דער בוים איז אין טויען געוועזן.
און איך בין ערוואַכט... מיין נשמה האָט רויך פון אַ חורבה דערזעהן.
און היינט, ווען איך שרייב דאָס אין ספר, ביסטו, ווי דער רויך שוין נישטאָ,
דאָך שוועבט אויף געפאַלענעם בוים נאָך מיין זעעל, ווי אַ קלאָגענדע טויב,
און טוי פאַלט אויף ליבשאַפט׳ס געביינען, וואָס זענען באַדעקט שוין מיט שטויב.

## פילאָג.

דאָס איז די ליבשאַפט, מיין פריינט, ס׳איז די לעצטע וואָס גרייכט ביז׳ן טויט
איז אין זכרון פון טונקלער נשמה אַ לעמפעל, וואָס ברענט זיך דאָרט רויט.
ן דאָס, וואָס ס׳קלעמט ווענס דאָס האַרץ איג׳ם מיטען געדויש פון אַ גאָלדענעם טאָג,
ן דאָס, וואָס עס טרעפט, אַז אין מיטען געזאַנגען דערהערט זיך פאַרבאָרגען געקלאָג—
יז ליבשאַפט, מיין פריינט. ס׳איז די לעצטע פון אַלע, וואָס זענען פאַרזינקען און טויט.

אָרגעסען זען׳ אַל-די פאַרחלום׳טע מיידלאַך, ווי פרילינגס מיט יאָרען צוריק.
ין לאַנג האָבען ווינטען צעשפרייט אויף די ימים דאָס אַש פון אַמאָליגען גליק.
ן וואָס ס׳געדענקט זיך דיר נאָך — איז דאָס לעצטע. און טרערען זיך זאַמלען אַ קוואַל:
מאָלס ווײנט דיין האַרץ און דו מיינסט: ס׳איז אַ סאָווע וואָס קלאָגט אויף דיין לעצטען פאָרפאַל...
ן וועלטען׳ס שויס-גוטסקייט און וועלטען׳ס שויס-זיסקייט ווערט ביטער דיין נפש ווי גאַל.

## אַזוי צעגעה איך...

אַזוי צעגעה איך:
זון נאָך זון און שטערענגאַלט נאָך שטערענגאַלט
צעפֿאַלען און פֿאַרזינקען
ערגיץ טיף.
איך בלייב דער טורעם מיט דעם רויטען לאָמפּ
אויף זייער ברעג — —

ס׳גאָלד אין מיינע האָר איז אַלץ נאָך גאָלד,
און מיינע סאָסנעס שפּיצען טראָגען טוי —
גלאַנציג-טוי.
נאָר קנייטשען זענען דאָ אַ סך, אַ סך
אויף דעם פּרוכת פון מיין הייליגטום.
און קריצען זענען דאָ אַ סך, אַ סך,
אין מח — אויף דעם לוח פון געדאַנק
און אויף די בלעטער פון זכרונות-בוך — —

העהאָ, צי איך געדענק?
צי איך געדענק?
איין מיידעל איז אַוועק צום ווייטען ים
און אַרבעט אין אַ שאַפּ דורך לאַנגע טעג.
און איינע איז געוועזען ווייך און גוט
און לונגענקראַנק —
געלעגען און געשפּיגען צוועלף חדשים דורכאַנאַנד
לונגענבלוט — —

און איינע — — איינע דרעהט זיך טעג און נעכט
אויף די בולווארען אין אַ ריזענשטאָט
און פּאַפּעט אַ ציגאַר נאָך אַ ציגאַר
און זשליאָקעט ביר אויף ביר און אָקאָוויט,
ניינציג טראַל,
און רייסט פון זיך דאָס העמד אין האַלבע נעכט
און בייסט דעם פולען מוסקעל פון אַ גוי —— —
און איינע — — לויטער האַרץ און לויטער זעעל,
ליגט אויף זיידען בעטגעוואַנט און וואַרט מיט צאַפּעל-שרעק:
ס׳דאַרף קומען ער, דער שנאָרכענדיגער, פונם צווייטען בעט,
און וואַקלען מיט זיין קאָפּ אויף אירע בריסט,
און לעקען מיט דער צונג, ווי ס׳טוט אַ שלאַנג,
ביז פאַרטאָג. — —
טאָג איין, טאָג אויס — — —
און ס׳פּלאַקערט נאָך אין איינזאַמקייט דאָס ליכט פון אייביג-ליב.
אַרבע-רוחות-עולם שטעהען הפקר׳דיג אַרום
און לויערען.
און ווינטען בלאָזען ווילד — —
און איך, איך בוי פון גוף און האַרץ,
פון מח און געדאַנק,
אַ פעסט געביי,
אַ רינג אַרום.
אַז אַרבע-רוחות-עולם-ווינטען שלאָגען-אָן-זיך: קליפּ
און כ׳שטעה און פרעג ביים ליכטל פון מיין ליב,

אַ כהן גלייך:
— קומט די כלה? קומט די כלה נאָך?
און איך צעגעה —
טאָג-אויס, טאָג-איין.

* * *

איך בין אין מיין גאַנג, אין דעם ווייטען און פרעמדען, דער זון גלייך;
אַ גאָלדענע, איינזאַמע זון געהט אַדורך די מרחקים,
נאָר זעלטען דערהייבט זיך אַ גלאַנצענדיג אויג פון די טאָלען
אַרויף צו איר הייכקייט...

נאָר ערשט ביי דעם אונטערגאַנג רויטלען זיך אַלע מרחקים,
דערזעהט מען דאָס בלוט איר׳ס: ווי שעהן און ווי הייליג און רוהיג
עס כליפעט און כליפעט— —
די פינסטערע נאַכט.

און ערשט אינ׳ם פינסטערניש, שטיל און געהיים, אין די שלעסער,
אויף ווייסע געלעגערס
ווארפען זיך פלאַטערדיג גופים פון הייליגע מיידלאַך
און ווייגען און ווייגען אריין אין די זיידענע קישענס— —

די הייליגע מיידלאַך.—

***

פריער אַ שעה איז געזונקען אַ זון,
ס׳האָבען פייגעל אין פליהען געגאַפט
מיין האַרץ האָט בסתר געוויינט.

פון ברעג איז אַוועק יענע שיף,
וואָס האָט צו מרחקים פאַרשלעפּט
דאָס מיידעל—די מלכּה פון ליד.

דאָס וואַסער פון ים האָט געקאָכט.
אַ גלאָק האָט געקלונגען העט-ווייט— —
כ׳בין איינזאַם געשטאַנען ביים ברעג.

— — —

דער מערב פאַרגליהט און פאַרגליהט,
װי װיין איז אין וואָלקענס דאָס בלוט
פון דעם געשטאָרבענעם טאָג...

— — —

איצט פליהען די פייגעל אַראָפּ
און קוקען, ווי איך קוק, מיט צער,
ווי ס׳בייגען די ביימער די קעפּ.

# ס׳איז וואָר...

ס׳איז וואָר, ס׳האָט די ליבשאַפט מיין בלוט אויסגעצויגען
דורכדעם זענען רויטליך געווען אַלע רויזען.
ס׳איז וואָר. אַז דאָס גליק איז מיט פייגעל פאַרפלויגען.

ס׳איז וואָר, אַז די וואָלקענס וואָס זענען געצויגען —
דאָס רויטקייט אין זיי האָט מיין האַרץ זיי געגעבען.
דורכדעם שטעה איך גלייך מיט די ווערבעס געבויגען.

דורכדעם, אַז עס קוקט מיר אַ מענש אין די אויגען
דאַן הויב איך אָן לאַכען, דער מענש זאָל נישט פרעגען
פאַרוואָס ס׳האָט דער טרויער די פרייד איבערוואויגען...

## קומט מנחה־צײַט אָן...

קומט מנחה-צייט אָן, בייגען ביימער די קעפּ מיט אַ רויש פון מלאָך׳ישע טריט. דערהייב איך מיין קאָפּ, מיט אַ גוטסקייט פאַר וועלטען אין האַרץ, צו די הימלען און שוימען וואָלקענס פאַרביי, ז׳האָבען פלעקען פון בלוטען.—מיין האַרץ האָט אין יעדען אַ ק
און די וועלט איז אַליין, און דאָס יתום׳קייט שוועבט, ווי אַ ברכה פון גאָט אין דער און איך בין אַליין. ס׳טוען וויי אויף-דאָס-ניי די זכרונות — — און ס׳איז אַזוי גוט!

פולען שאָטענס מיין הויז, קילט ס׳רויטקייט צום לעצט אין דער ווייטעסטער זוים פון דער וו
רעד איך איין מיין נשמה: די ליב׳ איז געווען, ווי אַ גאָלדענעם תמוז׳ אַ טאָג:
ס׳האָבען רויזען און דערנער געוואַקסען אינאיינעם אויף ליבשאַפט׳ס אומענדליכען פעל
די זון האָט געשיינט און די זון האָט געברענט: אַ טייל פרייד, אַ טייל צער אויף דער
און איצטער איז אויס! ס׳איז פאַרנאַכט און עס קומט פון אַ טייך אַזאַ האַרציג געקלאָג

און מיין זעעל איז אַ טויב: זי איז טריי אַזוי לאַנג, ווי איך טראָג זי אין ים-טיפען האַ
און זי הערט, וואָס איך רעד און זי גלויבט, אַז ס׳איז וואָר, און זי טוליעט זיך טיפער אין
פאַרמאַך איך די אויגען, דערזעה איך איר אויג: ווי טרערלאַך טריפען אָהן-שיעור...
און זי אַליין לעגט אויף מיין גייסטיגען קאָפּ דאַן פון פּערעל אַ ווייסענקע ציר — —
און פ׳עפענט זיך אויף פאַר מיין קלאָגענדיג ליד אין דעם זיבענטען הימעל אַ טיר.

# אין פרעמדע אָרעמ'ס.

1.

גרויס און אומענדליך איז אונזער אוקיַנוס
און איבער די כוואַליעס שלעפּען זיך לאַנגזאַם
אונזערע שעה'ען—באַלאָדענע שיפען
מיט שטיינער פון וויסטקייט.

מיר אָטעמען שווער די דערוואָרגענע אָטעמס
אין ליכטיגע טעג און זיי ווערען זיפצען.
און ס'קאָכען די בלוטען זיך אונז פאַר די גיריגע
בליקען פון מענשען.

מיר כאָווען בשתיקה געהייליגטע ליבשאַפט
מיט בלוטען און טרערען
און ציטערען תמיד: זי זאָל אונז נישט ווערען
געגזל'ט מיט איינמאָל— —

און ליב איז דער ציטער און ליב איז די מורא
פון הערצער, וואָס טראָגען אַ הייליגע ליבשאַפט
מיט בלוטען און טרערען.

II

דיין האַרץ איז אַ סודות-פֿאַרהוילענער היכל
מיט ויידענע שלייערן איינגעהילט הייליג,
און ס'ליגט פֿאַר דער שוועל אים מיין הימעל'ס פֿאַרנאַכט-גאָלד.

פֿאַרנאַכט קום-איך-צו צו דיין האַרצשוועל און כ'מורמעל:
הייליגע, הייליגע, עפֿען דיין היכל,
עס ציטערט פֿאַרנאַכטגאָלד!

און איך וויל עס שפּרייטען אַזוי ווי אַ דיוואַן
פֿון הייליגען מעקאַ, און קניען און גיסען
מיין תפילה בלחש. — —

III

פון אַנדערע צימערען, דאָרט וואו עס ווערט נישט
געזונגען נשמה-געזאַנג און עס ווערט נישט
פון הימלען געחלום׳ט —
וויל איך דיך פירען אַריין אין דער בלויער
וועלט פון געזאַנגען.

פון אַנדערע אָרעמס, וואָס נעמען אַרום דיך
אין שעה׳ן פון ליידענשאַפט, וויל איך דיך רויבען
און פירען דיין גוף אין די שטערענגעלטוועלטען
פון מיינע חלומות.

איך וויל נאָר אויף זיידענע הייליגע סטרונעס
שטערען-און-טרערען-געזאַנגען דיר זינגען.
און דיך זאָל דער האַרציגער ניגון באַפאַנגען,
אַז דו זאָלסט אויף אייביג דיין עבר פאַרגעסען.

IV

אין דאָס איז די גליק-שעה געווען אין מיין ליבע,
ווען איך האָב דעם טרערגלאַנץ דערזעהן דיר אין ד׳אויגען.
און ס׳האָט זיך דיין פּנים געבלייכט און געהייליגט
אין נאַכטליכער בלאָקייט.

דיין אויג האָט געגלאַנצט, נאָר קיין טרער איז געפאַלען.
און איך האָב, דיין שטערנען געקושט און געמורמעלט:
קרוין פון מיין לעבען!

און דאָס איז די גליק-שעה געווען אין מיין ליבע,
ווען דו האָסט דיין וואַרימען קאָפּ אויף מיין אַקסעל
געלייגט און געאָטעמט...

און פּלוצים האָסטו מיך געפרעגט מיט נשמה:
פאַרוואָס זענען גיפטיג די מענשען, ווי שלאַנגען
און הייליגע ליבשאַפט מוז ווערען פאַרשוויגען
פאַר זייערע אויגען?!

דיין אויג האָט געגלאַנצט, נאָר קיין טרער איז געפאַלען;
און איך האָב דיין שטערען געקושט און געמורמעלט:
קרוין פון מיין לעבען!

V

אַ טרער האָט פֿאַרפּלייצט דיינע טרויריגע אויגען,
יוען איך האָב דערצעהלט דיר פֿון נידריגע הייזלאַך,
אָרום מיט זאַהאַטעס און קליינינקע פענסטער,
און ס׳לייכטען זיך היימישע לעמפּלאַך ביינאַכט דאָרט,
אין דרויסען געהט רעגען איף נאַקעטע פעלדער
און זינגט מיט מתיקות און האַרצעדיג בענקשאַפט;
און גוט וואָלט געוועזען, ווען מיר וואָלטען ביידע
געוואוינט אין אַ הייזעל, אַרום מיט זאַהאַטעס,
און ס׳וואָלט זיך אַ צנועה׳דיג לעמפּעל געלאָכטען
ביינאַכט, און אין דרויסען וואָלט רעגען געגאַנגען—
און דו האָסט געטרינקען די רייד, ווי דערקוויקונג,
ווען איך האָב דערצעהלט דיר פֿון דאָרפישער שלוה;
און דו האָסט די אויגען געווענדט צו דער ווייטקייט
אַזוי פֿון פֿאַר׳חלומ׳ט, אַזוי מין פאַרטרויערט!

ס׳האָבען לייטערען לאַנג זיך געמוזט דיינע טרערען
דאָרט טיף אין פאַרגעסענעם קוואַל פון דיין לעבען,
ביז איך האָב דערזעהן זיי אין ד׳אויגען דיר אויפגעהן
אין יחוד-נעכט שטילע.

און דאָס זענען נישט יענע טרערען געוועזען,
וואָס מענשליכע אויגען פאַרגיסען צו צייטענס
פאַר זאַכען, וואָס זענען פאַרהאַנען אויף דר׳ערד דאָ
און הענט קענען האָבען—

נאָר דאָס זענען טרערען געוועזן, נישט-פאַרוויינטע,
פון טייערע מיידעל-צייט-יאָרען, וואָס זענען
אין תאוה פאַרגאַנגען, אָהן הייליגער ליבשאַפט,
אָהן בענקשאַפט און תפלה...

צוריק נאָך מיט יאָרען, ווען דו וואָלסט געווען מיך
באַגעגענט, אַזאַ מין געזאַנג-מענש, וואָלסטו
מיט שמייכעל געקוקט און אין זיידענעם באַלקלייד
אַ „חוזק״ געשפרונגען!

אַ יאָ? דו וואָלסט דעמאָלט נאָך מיר נישט געגאַנגען,
ווי איצטער דו גיהסט אַ פאַרצאַפּעלטע תמיד
און דאַרשסט נאָך מיין אָנבליק. — —

VII

ס׳האָט גאָט דיך, דער פאָטער, געבענשט מיט זיין שענקייט
נאָר האָט ער דיין גוף איבערענפערט דעם שטן—
ס׳מאַטערט דער שטן און זייגט דיינע בלוטען.

און שפעט אויף מיין אָפוועג, האָב איך דיך באַגעגענט,
און איך האָב דיין האַרץ אין אַ טלית פאַרוויקעלט
און האָב עס פאַרטראָגען צום פאַלאַץ פון ליבשאַפט.

און נאַכט-אויף-נאַכט וויינסטו אַריין אין די קישענס,
און צייטענווייז רוהסטו אין שויס פונ׳ם שטן:
אַ נאַקעטער גוף אָהן אַ האַרץ און נשמה — —

VIII

קעפּ האָבען מיר—פולע קוואַלען פון טרערען.
טראָגען מיר זיי פּאַר די מענשען דערהויבען,
און האָבען זיי מורא צו בייגען: עס זאָלען
קיין טרערען נישט פאַלען...

און טיף אין די איינזאַמע נעכט, צוויי געשיידטע,
ברענען די קעפּ ווי צוויי פלאַמיגע באַלען:
מיר קענען זיי נישט אין דעם טיפסטען אוקינוס
אָפּגרונט פאַרוואַרפען — —

IX

ס׳איז קיינמאָל צו שפּעט נישט. דער ליבשאַפט׳ס נר-תמיד
ברענט אייביג און אייביג! און ס׳שטעהען געעפענט
די טוירען פון טרערען.

דאָס פעלד פון דער ליבשאַפט וואַרט תמיד אויף טויפּאַל
און ווען נאָר די האַרצטרער פאַלט הייס אויפ׳ן אַקער
דאַן געהען-אויף בלומען.

און ווען—נישט און וואו—נישט עס טרעפען זיך הערצער
ווי שטערען צונויף אויף אַ ווייכען בסוד-וועג—
איז קיינמאָל צו שפּעט נישט.

## X

ס׳איז קיינמאָל צו שפּעט נישט... און דאָך לאָמיר ביידע
מתיחד-זיין-זיך אין אַ ווינקעל און וויינען
אויף אַלע אַ סך בין-השמשות׳ן זיסע,
וואָס זענען אַזוי-אָט לאיבוד געגאַנגען,
מיט טייערע נעכט, ווען מיר זענען געלעגען
אין אַ נ ד ע ר ע אָרעמס, אין תּאוה צעגאַנגען.

און לאָמיר באַוויינען די זיסקייטען-קוואַלען,
מיט וועלכע מיר האָבען די דאָרשטקייט געלאָשען
פון אַנדערע מיילער, און קיינמאָל אַליין זיך
מיט גליק נישט באַטרינקען. — —

ס׳איז קיינמאָל צו שפּעט נישט... און דאָך לאָמיר ביידע
מיט ציטערניש ציילען די נעכט און פאַרנאַכטען,
וואָס זענען אַזוי-אָט לאיבוד געגאַנגען
אויף אייביג און אייביג.

XI

אַ ריייניג דעם האַרץ-סטעפּ, וואו שטויב איז געלעגען.
שטויב פון באַמאַנונג — — גיס טרערען און טרערען.
פאַרפרילינגסצייט ווייגען די הימלען: ס׳איז ברכה
און טרייסטונג דער רעגען.

לייטער דיך, לייטער דיך, הימעל, גיס טרערען,
אַ מאָרגען וועט קומען, כאָטש שפּעט, אַזאַ מאָרגען —
און דו וועסט אין ווייס זיין געקליידט, ווי אַ מיידעל,
און פרילינגדיג ווערען!

און איך ווייס אַ לאַנד, וואו ס׳איז אייביג דער פרילינג
און דאָרט רוישען וואַסערען בלאָע, וואָס מאַכען
אין ווינטערס פאַרגעסען.

וועסט זיצען בייגאַכט אין אַ כרם און עסען
וויינטרויבען גרויסע, און לאַכען און לאַכען
אַזוי ווי אַ תאוה׳דיג ווייגאָרטענמיידעל...

איך האָב מיך געטובל׳ט אין ים פון געפילען
און כ׳האָב מיך געהילט אינ׳ם קיטעל און טלית
פון גייסט און געזאַנגען.

און כ׳וואַרט, אַז דער לאַנג-ווינטער טאָג פון דיין הוה
זאָל זינקען. און ס׳גליק פון דיין אָווענט (מיין מאָרגען)
זאָל אויפגעהן מיט שטערען.

און איך וועל דיר קומען אין נאַכטוועג אַקעגען.
אַ קריגעל מיט בוימעל אין האַנט, דיך צו זאַלבען —
דו שירים-געקרוינטע!

טוי אין די האָר וועל איך האָבען, אין ד׳אויגען
שטערענשיין הייליג, אַזוי ווי אין בלאָע
היכלות׳ן שוועבן — —

און איך וועל דאָס עצבות פון ד׳אויגען דיר זייגען,
אַזוי ווי אַ פינסטער מתיקות פון טרויבען,
און זעטען מיין לעבען.

XIII

פון הייסע ווירוואַרס און פּאַרטייבטע טעג,
אַזוי ווי פון תּהומות, ראַטעווע איך
אַן איינציגע רגע הייליגקייט אָפּ:

אויפ'ן ראָג פון אַ רוישיגער גאַס, אויפדערנאַכט,
שטעה איך און בענק נאָך דיין שוואַרצען קאָפּ
און קוק נאָכ'ן שטראָם פון די מענשענקעפּ.

די לאָמפּען אין גאַס ברענען עצבות'דיג, קאַלט,
און רויט איז אַזוי דאָס טראַמווייאישע אויג
אין דער בלאָער לופט — —

איך געה אין דיין זייט און זייג-איין אין מיין לינג
דיינע אויגען'ס קוק,
דיינע טונקלע רייד — —
און דאָס איז גליק און מתיקות אַ סך
פאַר גאַנצע מעת-לעת'ן איינזאַמקייט...

אָדער ווען ס'קלינגט די צוועלפטע שעה
אין דער האַלבער נאַכט —
ווינקט שוין צו מיר מיין מתבודד-בעט — —
ליג איך און טראַכט:
ס'איז די צוועלפטע שעה,
און אין אייזענווערק ווערט געגאָסען דער גאָס

ביים פאַרלאָשענעם ליכט...
און דו ליגסט מיט שוואַרצע צעפלאָכטענע האָר
אויפ׳ן ווייסען בעט,
ביים פאַרלאָשענעם לאָמפּ,
און דו וואַרטסט, וואַרטסט,
און דאָס האַרץ קלאַפּט. — — —

* * *

מיין שיף וועט שוין שטעהן ביז מיין לעבען׳ס-סוף
ביי דיין טונקלעם ברעג.
אין די קאַיוטעס ליגט זעליש פאַרמעג,
בשמים און פּרות. געלייטערט געזאַנג
און פינעף-און-צוואָנציג זומערען׳ס גאָלד. — — —

דער זעגעל איז בלאָ, ווי דער הימעל איז.
און פלעקען גאָלד איז אין בלאָקייט געשטיקט.
מנחה-צייט איז — —

צו מנחה-צייט קום אין אַ שטערענקלייד, קוק:
כ׳זיץ אויף דער שוועל
מיט אַ האַרץ אין דער האַנט.
אונטער מיר שפּילט זיין נאָקטורן דער ים.

* * *

פינעף-און-צוואָנציג יאָר נע-ונד
אוז געוועזען מיין שיף אויפ'ן הויכען ים
אין אויף די יבשה-וועגען דער וועלט'ס
איז געפאָרען מיין פור,
און קיינמאָל געקומען צום ברעג און צום הויז
פון דער אייביגער ליב'.

אַמאָל האָט אַ לייכט-טורעם-ליכט מיר געשיינט:
„קום, וואָגלער, אַהער—דאָ איז ס'אָרט פון דער ליב."

אַ פינסטערע נאַכט. ס'האָט געלאָכטען אַ לאָמפּ.
אַ פרוי האָט געצויגען מיין קאָפּ צו איר ברוסט.

אָבער אַז טאָג איז געוואָרען אין לאַנד,
האָט ווידער דער ים-שטראָם געטראָגען מיין שיף
און מיין פור איז אַרויס אויפ'ן אָפענעם וועג
אין דער ווייטער וועלט. —— ——

# וועלטוועג: טויט

# אויף אַלע מײַנע װעגען...

אויף אַלע מײנע װעגען אין געדאַנק,
ליגט אויסגעגאָסען רויט פאַרנאַכטענגאָלד;
און כ׳זעה מיין עבר אין אַ זייט פאַריקט,
װי אַן אינזעל...
װייטער—שטראָמט דער ים.

און פאַר מיר שפרייט זיך אויס אַ װעגענענעץ
אויף לינקס און רעכטס. איך װייס נישט, װאו צו געהן,
דאָך װייס איך איינס: אַ יעדער װייטער װעג
פירט נאָר צום אַלערלעצטען װעלטװעג: טויט.

= =

## װעלטװעג: טויט.

און ס'איז דער אַלערלעצטער װעלטװעג: טויט:
דער װעג אַהין, װי הימלען'ס זוים איז רויט
און בלאָ, און װייטער—אויסגעשטערענט, קאַלט,
און אָנגעלעהנט אָן צװייגען פון אַ װילדען װערבעװאַלד,
װאו קברים-בערגלאַך זענען דאָ אַ סך;
װאו שװאַרצע פידלען הענגען אין פאַרגליװערטען געצװייג
און פייגעל מיט די קעפ אַראָפּ, די פיס פאַרקלעבט אין צװייג...
און הנטען זיצען מיידלאַך,
אַלע האָבען שװאַרצע האָר— —
און האַלטען אויף דעם מיידעל-סוד אַ צוגעפרויר'נע האַנט...
און זיי צעפיסענס ליגט אַ טשאַדע טויבען: מיידעל-יאָר— —
און ס'שטעהט אין טיפען טיף אַזאַ מין אהל מיט אַ דאַך
פון בלויז עצמות, און געשטאַלטיג װי אַ קאָפּ,
און שװער איז זי די שטילקייט דאָרט... װאָלט עמיצער אין װאַלד
אַריינגעשריגען: האָפּ!
װאָלט אפשר זיך אַן עכאָ נאָך געהערט,
און ס'װאָלט אַרויס דער טויזענט-אויגענדיגער בחור מיט זיין שװערט,
און װאָלט געפלאַקערט מיט די אויגען און געציטערט װי אַ שלאַנג:
װער האָט דאָס מלכות טויט פון שלאָף געװעקט?!
איז שטיל, איז שטיל...
און ביי דער שװעל פון אהל מיט דעם קנאָכענדיגען דאַך,
קװאַלט-אַרויס אַ קװאַל פון פינסטער בלוט.
מ'הערט קיין שאָרך...
און װאָס אַלץ װייטער װערט אַ גרויסער טייך,

אַ בּרייטער שטראָם...
און אויף די בּרעגעס ליגען בּערגלאַך קנאָכענס, קלומפּענס האָר,
און אויגען, אויגען... מי יודע, וויפיל יאָר!
און אויפ'ן שטראָם, דעם פינסטער-קאַלטען, שווימט
אַן ויסטערלישער קאָפּ, מיט טויזענט פּנים'ער, אַרום
און בּרומט-אַריין אין פינסטער-בּלוטיג וואַסער אַ געבּרום,
דריי תּנועות: או-מע-טום...

# אומעטום...

אומעטום איז פאַרהאַן אַ באַהאַלטענע האַרף
און אַ האַנט איבער סטרונעס, וואָס ציטערט.
אומעטום פאַנגט דאָס ליד פון אַ מיידעל מיין האַרץ,
ווען דער ערשטער פאַרנאַכטשטערן פליטערט.

אומעטום איז פאַרהאַנען אַ הייזעל אַ הייליג׳ס,
וואו הערצער פאַרגיסען דאָרט תּפילה.
און ס׳זענען פאַרהאַן אומעטום נאָך פיר איילען
פאַר וועג-געהערס מידע און שטילע...

# אָ, לויב דיר...

אָ, לויב דיר, לויב, דו הייליגער געדאַנק,
אין ים פון לעבענ'ס אייביגען געזאַנג,
אַז טויט איז אומעטום, פאר אַלע, דאָ
און נישט נאָר פאַר דעם איינצעלנעם— —
אָ, לויב—
אַז אַלע זע'מיר ערד חלקים, שטויב,
אַלע שטויב!

ווער אייביגקייט?! וואָס אייביגקייט?! נישטאָ!
היי! אייביגקייט וואָלט פלוך געוועז און נויט,
ווען פון דער שויס וואָלט צוגערויבט דער טויט
דעם איינציגען, וואָס האָט דיין קאָפּ באַקריינט,
און דו וואָלסט אים טאָג-איין טאָג-אויס באַוויינט!

ווי וואָלט זיך דען געלעבט אַן אייביגקייט
מיט דעם געדאַנק: איך לעב אַליין, אַליין,
ווי ס'לעבט אין אייביגקייט אַ שטיין, אַ שטיין,
און יענעם ליבען מענש וועל איך נישט זעהן—:
ע ר איז טויט!

טאָ קלינגט'ש'ס אַלע טורעמגלעקער! לויב
דעם הייליגען געדאַנק: מיר זענען שטויב!—
אַ ל ע שטויב!!

טויט — —

שפריירעגענס אין די פרילינגסנעבּט שוין זינגען
ס׳ליד פון טויט: עס וועט אַ חשון קומען...
און ס׳הערען עס די יונגע-יונגסטע בלומען.
בוים צו בוים טוט׳ס הייליג איבערברומען.

זיין שאָטען רוט אויף בלות-קעפ, ווען ס׳וואַזשען
בליהיג נאָך די קרענץ אויף קאָפּ און נאַקען,
ער קוקט אַרויס פון ד׳אויגען און קרישטאָליג
ריינען הייסע רינטשקעס אויף די באַקען — —

און דאָס איז יענער צער וואָס הייבט-אָן נאָגען
פאַרפרילינגסצייט, ווען בשמים-ווינטלאַך בלאָזען
און גינגאָלד ליגט געשפרייט אויף אַלע וועגען
און ביי די זייטען שפּראָצען ערשטע גראָזען...

און דאָס איז יענער טיפער קלעם אין האַרצען
אינמיטען דעם אַרומנעם פון געליבטע,
וואָס בייגט-אַוועק די קעפּ און לאָזט באַטריבטע
אויגען עפּיס קוקען צו מרחקים. —

## און איך געדענק...

און איך געדענק: די נאַכט איז ווייס געווען,
ווייס פון שניי און בלאָ פון הימלישקייט.
עס האָט אין אויוועלע געפלאַקערט האָלץ
און אויף מיין אַקסעל האָט אַ קאָפּ גערוהט.

און כ'האָב געשעפּטשעט: „אין אַ גערטענדל
פון גרינס און קרייטעכצער, אַ כאַטקאַלע
מיר וועלען בויען זיך — אַ יאָ אַזוי?
און האָבען קינדערלאַך ווי שוועלבאַלאַך!"

און איך געדענק: דער טאָג איז העל געווען,
העל פאַר זוניגקייט און פרילינג-פול.
און כ'האָב באַרג-אויף צום בית-הקברות-פעלד
נאָך איר מתים-וואָגען נאָכגעשפּאַנט.

* *
*

איך האָב נישט געבעטען צו גאָט
ביים רויטליכען שיין פון אַ לאָמפּ:
טייט די זכרונות אין קאָפּ
און מאַך דעם געפלאַקער צו אַש!

כ'האָב בלוטיג באַגראָבען דעם שאַץ
און קוואַלען פאַרגאָסען ביים גרוב.
שפּעטער שטאָט ווילדען געשריי,
ווילד זיך געוואָרפען אין שטראָם— —

אַך, הייסער, אומענדליכער שטראָם!
שטאָט זיצען אַבלות ביים ברעג,
ווייז אים, פאַרלוירענער מענש,
גבורות און קונצען ביים שווים...

איין תפילה בעט בלויז נאָך מיין האַרץ:
אָ, גיב מיר אומענדליכקייט, גאָט!
און לאָמיך נישט קומען צום באָרט,
וואו ווייס איז פאַר שלוה דאָס זאַמד.

# שפּעט.

אַלע זונען-היכל-טירען זענען אָפּגעשלאָסען. שפּעט שוין.
טרויריג-אָוונט,
מלכות-אָוונט.
אין מערב׳ס האַרץ פון מיינע הימלען ליגען טונקלע זונענבלוטען—
דם-התמצית אין אַ בלאָער שאָל געגאָסען.

זיץ איך שווייגענדיג און מלא-טאָג-זכרונות-לאַסטען-ליבשאַפט,
מיינע עלענבויגענשפּיצען שטעהען שטייף אויף מיינע קניעס
און מיט קנאָכענדיגע פויסטען דריק איך מיינע הייסע שלעפען:
... אויגען שוואַרצע, אויגען בלאָע, ליפּען שמייכעלדיג-פאַרצויגען,
לאָקען זיידען, לאָקען גאָלדען, אַקסעל הויכע, פולע לענדען,
ווייסע לייַלעכער און ווייסע לופטיג-שלייערדיגע פוירהעננ-
טעג און אָוונטען אָהן אויפהער — — —

כ׳קוק מיר ד׳אויגען אויס אין מיינע וועלטען,
און קוק-צוריק מיט ד׳אויגען אונטער מיר:

ס׳לויפט-אום אויף ווילדע ווייטע אָוונט-שטראָזען
אַ ווילדער באָהיי, ד׳אויגען צוגעבונדען,
און רעוועט בלינדערהייט מיט אַ געברום-קול:
וויי און וויי! אַז ס׳קאָן די הימלען שפּאַלטען!

זענען טויב דאָך מיינע הימלען פון צו הערען!
טויב אויף אייביג!

און ס'שוואַרצען ביי די זייטען פון די וויסטע ווי טע שטראָ ען
חושך'דיגע ווערבעס פול מיט טויטע פייגעל-נעסטען.
און אויף איינע פון די שוואַרצסטע און געדיכטסטע פון די ווערבעס,
הענגט פאַרגעסען מיין כלי ניגון.
אויף די סטרונעס ליגט אַ טויטער, שוואַרצקודלאַטער קאָפּ, אַ מיידעל'ס,
ר'האָט אַלאָך אין סאַמע מח — —
ס'קומען ווינטען נישט אָהערצו וועקען סטרונעס — —
און נישט קיין סאָווע פליהט פאַרביי אַ קרעכץ צו לאָזען
און ציטערדיג צו מאַכען וועלכע ווערבע — —

טויט, פאַרגעסען איז דאָס מלכות,
פּלכות אָוועגט...

גאָר אַ באָהיי, ווילד און בלינד לויפט-אום און רעוועט:
חיי און וויי!
און וויל אַהין אָודאי קומען צו דער איינער שוואַרצסטער ווערבע—
צום פאַרגעסענעם כלי ניגון
און צום מיידעל-קאָפּ דעם טויטען. — —

* *
*

טויט איז דאָס מיידעל—די מלכּה פון ליד
איר קרוין איז מיין חלום און העל געזאַנג
פון די שטערענגעכט.

ס'ווייס: ס'איז פאַרהאַן אין עק שטאָט
אַ ליימען בערגעל און אַ שטיין.
אַ הייליגקייט—מיין גאַנץ פאַרמעג!

ס'וואָלט זיצען אַזוי אין די שטערענגעכט
אויף דעם ליימענעם בערגעל אונטער'ן בוים,
און זינגען אַזוי דאָרט זיצענדיג
מיין יתום-געזאַנג.

נאָר שלאָפען זאָל לאַנג נאָך אין מזרח די זון,
לאַנג, לאַנג.
און אויסגעשטערענט זאָל זיין אַרום
און העל אַזוי ווי מיין שטערנגעזאַנג
אין יתום'קייט.

* * *

און איך האָב ליב צו ליגען וואַך
אין די פינסטערע נעכט.
ס'שרייען די ביימער אין מיטען שלאָף
און כמאַרעס הענגען אַראָפּצופאַלען
אויף זייערע קעפּ.

כ'האָב ליב נאָך אַלץ צו קלערען פון דער,
וואָס פוילט שוין אַ יאָר אין אַ ליימען גרוב
און ס'זענען קנאָכענס אפשר נאָך דאָ.

קלער איך: זי פלעג מיט אַ ווייסער האַנט
ציהען מיין קאָפּ צו די ליפּען צו
און קושען לאַנג מיינע לאָקען'ס גאָלד — —

און היינטיגע נאַכט ליגען קנאָכענס נאָך
אין אַ ליימען גרוב...
ס'איז פינסטער אַזוי — —
און איבער אַ שטומען מצבה־שטיין
וואַרפט אַ־צעשויבערטער בוים מיט'ן קאָפּ
און שרייט, שרייט אין דער נאַכט אַריין. — —

# האַשישנאַכט.

בלאָ, און עטוואָס ווי שמאַראַגדיג, איז די וועלטענאַכט און סוד-פול,
ווי דער ווייטער ים-אוקינוס. — —
אין מיין קרישטאָל-שאָל איז האַשיש — —
...זי איז טויט. איך האָב אַליין דאָך אויף אַ שטיין געקריצט איר נאָמען
און דעם טריבען יום-המיתה, וויפיל טאָג עס איז אין חודש...
וואָס׳זשע הער איך, איינגעקאָרטשעט, ווי אַ שליומאַק, אין פאָטעל, ווי
פון די וועגט פון מיין סאַלאָן געהט-אויף איר בת-קול, ווי דאָס קלאָגען
פון אַ טרויערטייך אַ ווייטען איבער אומבאַקאַנטע פעלדער ? — —

היי. עס שאָרכען זיידען-גרוילאַך די גאַרדינען: זשו-זשו-זשו-זשו...
און ווי בלאָלאַך-פייכט עס זענען ביידע שויבען פון די פענסטער !
דאָ געשטאַנען זע׳מיר ביידע אין די לידערנעכט, די בלאָע,
און געקוקט צום פונקעל-בלאָען ציטער-שטערען-ראָד אין הימעל
און צום גאַנג פון דער לבנה—

ס׳האָט אַ טויער זיך געעפענט אין דעם תכלת׳דיגען מרחק
און אַ חלום-וועג אַ ווייטער ליגט אין שיין פון די מזלות— —
כ׳מאַך די אויגען צו, כ׳וויל נאָכגעהן נאָך דעם ווייטען וועג זכרונות
צו דער טיפקייט מיינע וועלטענ׳ס— —
מיין סאַלאָן פאַרוקט זיך טיפער אין אַ סודות׳דיגער וואַלדונג.
אויף די זשוזשענדיגע ביימער קלאָגען פייגאַלאַך באַ׳צער׳טע — — —
מיינע אויגען גלאָצען גליהיג:
פון די וועגט געהט-אויף אַ הייליג וויים-פאַרהוילטע, טויטע כלה,
און די זוימען פון דעם שלייער זענען צום מאַרמאָר באַהעפטען...

און עס זינגט די טויטע כלה טויטערהייט דאָס כלה-ליד מיר — —

היי. איך ווייס נישט. אָט-אָ זיצט זי טיף-געבויגען ביים קלאַוויר שוין
און מיט דמיון-פינגער קאַלטע קלאַפּט זי פּלינק אויף די קלאַווישען.
שאָפּענס טרויער-מאַרש צעגיסט זיך — —

היי. אַ יתום-אינזעל בין איך אין אַ גרויסען ים פון טרויער,
און אין מיטען אינזעל ווייסעלט אַ מצבה׳לע געהייליגט,
אין אַ מאַנסביל זיצט דאַנעבען, איינגעקאָרטשעט און פּאַרלוירען,
און ער חלום׳ט ביי דעם בלאַנקען פון דער האַשיש-שאָל אין נאַכטשיין:
אַ פאַר׳חושך׳ט בית-המקדש; ערגיץ-וואו אין חשכות פלאַקערט
שרעקיג-רויטליך אַ נר-תמיד,
און באַשיינט אַ מענשענ׳ס פּלייצעס און אַ קאָפּ, אַ האַנט, אַ חלף;
אין דערמיט איז אַ מיבח. ליגט געקייט אַ נאַקעט מיידעל;
און די האַנט מיט בלאַנקען חלף שניידט דעם צוקענדיגען פרוי-האַלדז,
שניידט פּאַוואָליע, אָהן-רחמנות, די סימנים פונ׳ם ושט — — —

* *
*

און כ׳זעה זי זמאָל אין מיין חלום ביינאַכט
און כ׳ווייס נישט אין חלום צי זי איז טויט.
ס׳זענען די אויגען סאַפירען, און גאָלד
זענען די האָר פון איר שטאָלצען קאָפּ.

און כ׳האַלדז זי אַמאָל אין מיין חלום ביינאַכט
און כ׳ווייס נישט אין חלום צי זי איז טויט.
און כ׳פיהל, ווי עס בייסען זיך איין אירע ציין
אין מיין אונטערשטער ליפּ.

און כ׳זעה זי אַמאָל אין מיין חלום ביינאַכט
און כ׳ווייס אין דעם חלום, אַז זי איז טויט.
און זינקט אויף איר אַקסעל מיין הייסער קאָפּ—
וויין איך אַזוי ביז׳ן מאָרגענרויט.

# צום מאָלער.

דו מאָלער פון הייליגער שענקייט און מענשענגעשטאַלטען,
סיי פון געקרוינטע מאַדאָנעס, וואָס קומען צו חלום
די איינזאַמע, טרויריגע וועלטען אין מיטען דעם שלאָפען,
און נידערען חלום-אַראָפּ צו די פינסטערע טייכען
און וואַרטען דער מזרח זאָל עפענען ברייט זיינע טויערן.
סיי פון די דאָרפישע מיידלאַך, וואָס געהען פאַרגאַכטען
אַרויס מיט די קריגען אויף ד'אַקסלען צו שעפּען דאָס וואַסער
דעמאָלט, ווען ס'ליגט די לבנה מיט פאָרבּט אין דער ברוגע —
קום, מאָל מיר דאָס בילד פון דעם מיידעל, וואָס רוהט אין זכרונות
און לעבט אויף דער ערד נישט.

קענסט אַזאַ גאָלדענע פאַרב ווי פון צייטיגע זאַנגען
און ווייך ווי די שטראַלען פון זונען; אַ זיידענע ווייכקייט,
אַז ס'ווילט זיך נאָר שטעהן אַזוי אייביג און גלעטען און גלעטען,
און לעהנען דעם שטערען דאַצו און צוגעהן פאַר מתיקות— —
אַזוי זאָלסטו מאָלען די זיידענע האָר פון מיין כלה.

קענסט אַזאַ תכלת וואָס איז אין אַ האַרצעדיג עצבות
פאַרזינקען, אַזוי ווי דער הימעל אין טיפען אוקינוס,
אַז ס'ווילט זיך נישט מער אין דער וועלט געהן, נאָר זינקען בשתיקה
און ווערען פאַרלוירען אויף אייביג אין טרויריגער בלאָקייט—
אַזוי זאָלסטו מאָלען דאָס טרויריגע אויג פון מיין כלה.

און האָסטו געזעהן ווי אַזוי ס'צעשפּרייטען זיך הימלען
פאַרפרילינג, און רחבות'דיג שמייכעלט די בלאָקייט אַריין אין
דער הימלישער טיפקייט, אין זיך, אַזאַ ליכטיגען חיחי
און דאָס איז אַ זעכציגסטל חן פונ'ם זהר הגנוז — —
אַזוי זאָלסטו מאָלען דעם צנועה'שען לאַך פון מיין כלה.

און אַנדערע אברים, דאַרפסטו נישט פרעגען. אָט מאָל דיר:
אַ מיידלישער גוף, וואָס איז בליהיג און דאַרשטיג נאָך ליבע
אַזוי ווי אַ סאָסנע אַ יונגע, וואָס האַלט נאָך אין וואַקסען
מיט ווייכענקע אָרעמס געשטרעקט צו די הימלען נאָך טויען
און גלאַנץ פון מזלות— —

און... זי איז געשטאָרבען, שרייב-אויף אייביג,
ווען בעז איז אַרויס אויף די ביימער.
איר נײַנצענטער פרילינג— —

# דער לעצטער.

דו, וואָס דו האָסט זי דער לעצטער געזעהן
אויפ׳ן גסיסה-בעט
אין דער ניסן-נאַכט
אין רויטען, טרויריגען שיין פון אַ לאָמפּ—
קום, זיץ און דערצעהל מיר אין פינסטערניש,
וואָס איז געוועזען איר לעצטער זאָג,
איידער זי האָט אירע אויגען פאַרגלייזט
און אויסגעשפּיגען דאָס לעצטע שטיק
לונגענבלוט — —
האָט זי די אָרעמס געשטרעקט אין דער לופט,
די דאַרע, בלייכע, הייליגע הענט,
און געשלאָסען אַ רינג אין דער דושנער לופט
אַזוי ווי זי וואָלט אין דער האַלבער נאַכט
וועמען געהאַלדזט? —

דו, וואָס דו האָסט זי דער לעצטער געזעהן
אויפ׳ן טויטען-בעט
אין איר טאַטענס הויז
אין העלען טאָג,
איידער דאָס וואַסער האָט אויפגעקאָכט
אין גרויסען בלעכענעם טהרה-טאָפּ,
און ס׳זענען געשטאַנען פאַרהאַרטעוועט, קאַלט,
אינמיטען דעם הייסען משפחה-געוויין,
די טהרה-ווייבער מיט פעטע הענט —

קום, זיץ און דערצעהל מיר אין פינסטערניש,
ווי אַזוי איז געווען איר לאָקענקאָפּ
טויטערהייט,
און דאָס לאָקענגאָלד — —
און וואָס איז געווען איר הייליג מויל —
אָפּען, אַזוי ווי ביי מתים מען זעהט?
צי איז געשלאָסען געווען איר מויל
אַזוי ווי דאָס מויל פון אַ הייליג קינד
און זיסען שלאָף! — —

## געדענקסט די שטילע טרער?

געדענקסט די שטילע טרער, וואָס האָט געגלאַנצט ביי מיר אין אויג
און נישט אַראָפּגעפאַלען פון דער ברעם ?
געדענקסט דעם ציטערדיגען קלאַנג פון מיינע רייד אין האַלבער נאַכט,
די טונקלע רייד— —
מיין בלייכער פריינט און אָרימער ווי איך !

ס'איז שטערנשיין געווען און בלאָע נאַכט.
דו ביסט געזעסען ביי מיין בעט אומגאַנצען אויג, אומגאַנצען אויער
און אומגאַנצען לויטער האַרץ— —
איך האָב דערצעהלט...
און כ'האָב געפילט, ווי יעדעס וואָרט מיינס האָט באַרירט ביי ד'ר אין האַרץ
אַ צאַרטע סטרונע— —
איך האָב געהאַלטען אויף דיין קניה מיין דאַרע האַנט
און האָב דערצעהלט.
און כ'האָב געזעהן אין ווייסען שטערנגלאַנץ
דאָס פנים פון דער וואונדערליכער פרוי,
וואָס כ'האָב דערצעהלט
די מעשה פון איר לעבען און איר טויט— —

אויב דו געדענקסט—פאַרשניר דיין האַרץ מיט זיבען שנירען לייד
און פאַרפּרעס מיט אַ גרימאַסע דיינע ליפּען : ממאַ !
און מיט ביידע הענט, די דארע, נעם-אַרום דיין קאָפּ
און וויג אים הין און וויג אים הער,
ווי איך, אין האַלבער נאַכט,
און ווי אַ בוים, וואָס שטעהט אין שטורעמווינט. — —

***

די סייכען זענען אויסגעטרוקענט פון די פלאַקערגלוטען,
איצט גליהען שטום די זאַמדען אין די טיפע, שטילע דנאָיעס
איך ווייִן נישט מער. די פולע קוואַלען טרערען האָט דער וויטאָג
אויסגעברענט און אויסגעזייגט. די טיפע גרונטען ברענען...

אוי ווייִ, ווי ווייִ! ווי טאָפּעל ווייִ! די אייגענע נשמה—
זי קען נישט מער באַוויינען איר פאַרלוירענקייט אויף אייביג:
דער הימעל ברענט ווי קופער איבער אירע קלומפּענס אַשען
און ס׳גליהען שטום די זאַמדען אין די טיפע, שטילע דנאָיעס...

# וואנדערונג.

די זעלבע קראַפט, וואָס טרייבט דעם ים
צו שטראָמען צו קיין סוף נישט צו —
די זעלבע וואוינט אין מיר און גיט
דורך טעג און נעכט מיר נישט די רוה.

דאָס זעלבע בענקעניש, וואָס רייסט
דעם פויגעל פון דעם נעסט אַוועק —
איז די, וואָס הייסט מיר געהן אַליין
און קיינמאָל קומען צו'ן אַ ברעג.

## באטראַכטונג.

וואָס איז מיין ליבשאַפט דען אַנדערש געווען,
ווי וואַנדערונג טיף אין דעם העכסטען געבערג
און קיינמאָל נישט קומען צום שפּיץ!

און הויך אין געבערג איז משוגע דער ווינט,
רייסט ער אַ פעלז נאָך אַ פעלז; און נאָר איך
בין שטאַרקער געווען פון אַ פעלז!!

בין איך געגאַנגען פון פעלזען צו פעלז —
וואוינען אין שפּאַלטיגע פעלזענס די שלענג,
וואָס צישען ביים פילען אַ מענש...

האָב איך נישט איינמאָל דעם גרינליכען סם
טיף אין מיין הארץ און מיין מח געפילט,
האָב איך נישט איינמאָל געצאַנקט!

דאָך בין איך אַלץ העכער געגאַן אין געבערג,
געברומט האָט אַזוי דער משוגע'נער ווינט
און ס'האָבען געצישעט די שלענג...

# כ׳וועל ווייטער גיהן...

1

כ׳וועל ווייטער געהן און געהן און האָבען ליב
און כ׳וועל נישט מיד זיין זוכען דיינע טריט.
די שטילע וואונדען וועלען טריפען בלוט.

קיין אַנדער הארגאָלד און קיין אויגענבלאָ,
וועט צויבערן מיין האַרץ, כל-זמן איך ווייס,
אַז דו ביסט ערגיץ אין מרחקים דאָ.

דאָך דיך וועט האָבען דער, וואָס איז נישט ווערט
און דיך וועט זעהן דאָס אויג, וואָס קיינמאָל טרערט.
און איך וועל זיין געבויגען ביז צו דר׳ערד.

און אפשר איז נאָר ליידען מיר באַשערט?
ליידען שטיל און ליבען יאָרען־לאַנג
און ציהען קראַפט פון אייגענעם געזאַנג.

און געהן מיט אַלע ווינטען אין דער וועלט,
קיין היים נישט האָבען קיינמאָל און קיין ווייב,
וואָס נעמט-אַרום מיין ציטערדיגען לייב.

און איז אַזוי צו לעבען מיר באַשערט —
איך קלאַמער מיך אַרום דעם גורל-בוים
און לאָז מיין לעבען זיין אַ וואַנדערטרוים!

*
* *

כ׳וועל געהן און וועל זעהן ווי דער זומער פאַרגעהט
אין זיין אייגענעם מלכות פון גרין.
כ׳וועל הערען דאָס ליד פון די פייגעלאַך זיס
און וועל זעהן די שיירות פאַרפליה׳ן...

כ׳וועל זוכען די באַנק אין דער שטילער אַלעע,
וואו איך און וואו זי פלעגען זיין —
און זיצען און זעהן ווי דער זומער פאַרגעהט
אין זיין אייגענעם גאָלדענעם שיין. — —

* *
*

כ׳מעסט אַלץ נאָך די וועגען אַרום-און-אַרום
און קער אום זיך צום וועג פון האַרץ:
צו דעם קוואַל פון מיין בלוט צו דעם נעסט פון מיין ליד,
צו דעם קייזערטום שמאַרץ.

און זונען, לבנות און שטערען אין ראָד
זיי וואַנדערען הייליגע מיט — —
זיי געבען דער אייביגקייט זילבער און גאָלד
און איך גיב נאָר טרערען און בלוט.

* *
*

איך ווייס נישט, וואָסער נאָמען איך זאָל געבען,
דער צייט פון וואַנדערונג אין ווייטען לעבען
ור לאַנגע זונ[illegible]נטעג
און טיפע שטערעננעכט.

דאָרט אויף דעם ברייטען שיידוועג ליגט נאָך אַליין
אַ שטילער שטיין — מיין צאַפּעלדיגע זעעל,
וואָס וואַרט אין שטויב נאָך אויף דאַרלייזונג אַלץ,
ווי אויף אַ היכל׳ס מאַרמאָרשוועל.

ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי ס׳וועט די אייביגקייט
ווענס עפענען אַ טויער פאַר מיין זיין?
ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי וועט מיין יעדעס ליד
אין שדי׳ס קרוין, וואו אַלע תפילות, זיין?

ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי קום איך נאָך צום ברעג,
וואו ס׳איז די רוה דער ווייסער גייסט פון גאָט
און כ׳זיץ און הער אין זאַמדענס זילבערקייט,
ווי נאָר דער ים געהט-אויף אין כוואַלעס זאָט? — —

כ׳וויל איינזאַם זיין, ווי גאָט איז אין זיין הייך,
און נישט געזעהן פון קיינעמ׳ס אויג. אַליין.
נאָר צווישען מיר און אַל דעם שלעכטען זאָל
אַ בלויער הימעל מיט מזלות געהן!

* * *

נאָך ציהען זיך אייביג די הימלען און איבער'ן קאָפּ געהען זונען,
און וואַנדערען וואַנדערט דאָס האַרץ נאָך אויף אַלע די וועגען, וואָס פירען
איבער פאַרוואַקסענע סטעפּעס צום גאָט, וואָס מען קען נישט געפונען.

עס צויבערען נאָך די לבנות און ס'סוד'ען זיך סאָסנעס מיט שטערען,
עס האָבען קיין דנאָ נישט די ים'ען, די קוואַלען פון רעגען און טויען,
און ס'בעט זיך אַלץ תמיד נאָך ליבשאַפט דאָס נפש, וואָס באָדט זיך אין טרערען.

אַן אייביגקייט וועט נאָך פאַרגעהען און ס'האַרץ וועט דעם סוף נישט דערגרייכען,
דאָס ליד פון אַמאָל און פון איצטער וועט קיינמאָל אַ גאָט נישט דערהערען,
מיין פוס האָט דאָס גליק פון מיין אויג נישט, וואָס קומט מיט אַ בליק צו די תהומען.

***

איבערן קאָפּ שײַנט אַ זון מיט אַזױפּיל צעפּלאַקערט מעטאַל!
און ס׳ברענען די גאָלדענע צלמים פון קלויסטערס און דעכער פון שטאָט
אין מיטן דער ריזיגער שטאָט.

איך שטעה אויפ׳ן ראַנד פון אַ שיידוועג: אַהין? צי אַהער?
עס איז גלייך;
רעכטס איז אַ הויז, וואו עס שמייכעלט דאָס גליק צו אַ מאַן און אַ ווייב,
און לינקס איז אַ הויז, וואו עס לייפּט זיך אַ לעמפּעל אין שלוה ביינאַכט;
און אומעטום וואוינט דאָ אַ מענש נאָך, וואָס בענקט נאָך אַ צווייטען און טראָגט
אַ הייליגען ווייטאָג אין האַרצען און ווערטער, וואָס זענען אַ שאַץ
.

און איך בין אַליין... און אַרום מיר איילען די מענשען אין לויף,
און ס׳זשורען טראַמווייען און אויטאָס... און איבער׳ן קאָפּ שיינט אַ זון
מיט אַזױפּיל צעפּלאַקערט מעטאַל!

* *
*

די זון וועט זינקען, איך וועל ווידער וויסען:
אַז כ׳בין אַליין, אַן אָפּגעפּלאַנטער גוף,
וואָס וואַקעלט זיך דעם גורל נאָך אין לאַנגען שטראַלענטאָו
און פאַלט פאַרנאַכט אין שאָטען פון אַ בוים
און הייבט צוויי אויגען אויף אין מידיגקייט
אַקעגען בלאָענרויטען הימלענווייט.

איך בין אַליין.
מיין מוטער האָט קיין צווילינג נישט געהאַט.
און אַלע שטראָזען זענען פריי פאַר לאַנגער וואַנדערונג.

איך געה אין ווינט און פרעג, ווי פייגעל, נישט דעם וואוּהין

איך וועל דערגרייכען איינמאָל—ווייס איך דאָך!—
יענעם קילען זילבערברעג, וואו ס׳איז
די טיפסטע רוה פון אַלע רוה׳ס!
נאָך יענער רוה קומט שוין קיין שטורעם נישט.
כ׳וועל דאָרט מיך קלאַמערען צום ווייסען בוים,
וואו ס׳וואַקסען טשאַטשקעס פון געדענק-מיך-נישט
אין ווייסער אייביגקייט: איך-בין-נישט-מער.

* *
*

ווי ווייט עס זאָל נישט פירען מיך דער ווייטסטער ווענ אין ווייטקייט,
קערט תמיד נאָך צוריק מיין זעעל צום גאָט-געהיטען האַרצוועג;
און כ׳פאַל נאָך דאָרט ביי יענער שוועל פון מיין חלומות-היכל
און כ׳וויין און בעט נאָך ערשטער ליבשאַפט אויסגעשפרייט די אָרעמס.

דאָס שטערענגאָלד פון ערשטע קרוינען ליגט אין בלוט נאָך דאָרטען,
עס היטען עס די ווייסע טויבען מיט די זילבער-פליגל׳ען.
נאָר זי די קעניגין פון האַרצען, איז נישט מער אין היכל,
און נאָר אין ווייסען שניי פון עבר זעה איך נאָך די טריטען.

* *
*

און אַמאָל שטייג איך אויף אויס׳ן טיפקייט פון לעבען
און כ׳זעה מיך פאַרלאָזט און פון כוואַליעס באַרינגעלט,
און כ׳לאַך.

איך זעה מיינע אַלע פאַרבלוטיגטע וועגען —
פאַרשטויבט; און עס זענען געריסען די בריקען,
וואָס פירען צום עבר נישט מער — —

און כ׳לאַך, איך לאַך ווילד! און אַרום מיר, אַרום,
זידט דאָס לעבען און קאָכט...

*

און ווייל איך ווייס: דאָס האַרציגסטע, דאָס גליק,
איז דאָס, וואָס אונטער מיינע אַקסלען איז —
מעג שיינען מיר אַ טאָפּעל פּראַכטיג ליכט,
וויל אַלץ מיין האַרץ די וועגען געהן צוריק.

און ווייל איך פּרעס צום האַרץ אין מיין געדאַנק
די דערנער פון מיין עבר-ליבשאַפט-צייט —.
מעג רויזיג זיין מיין וועג, מעג בלאַנצען גאָלד,
וויל אַלץ מיין האַרץ צום עבר-וועג צוריק.

* *
*

אוּן אומעטום פירט אָהן אַ סוף דער וועג,
דאָך אומעטום קען זיין דיין לעבענס ברעג.
און וואָלסטו לעבען אייביג וואַ דערנדיג
וואָלסטו אין לעבען נישט דערגרייכט אַן עק.

און אומעטום ברענט שטיל אַ לאָמפּ אין נעכט
און ס'וואָלט דיך האַרציג אָרעמען אַ פּרוי;
דאָך געהסטו בעסער איינזאַם זיך אין וועג
און דיינע טרערען פאַלען גלייך ווי טוי.

* *
*

וויינט נישט, אויגען, ס'האָט דער הימעל רעגענס אין די וואָלקענס!
זינג נישט, האַרץ, עס איז דער ים דאָך לידערפול אומגאַנצען!
וועלען שפּרייטען שטילע רעגענס—וועלען וועלטען בליהען,
וועלען מיינע טרערען פאַלען—וועמענס אויג וועט גלאַנצען?

ס'וועט דער ים מיט גאָלדזונאויפגאַנג שיפען רוישיג טראָגען
אויף די אָרעמס פון געזאַנג אין אָקעאַן דעם ברייטען.
אַז איך וועל געהן און איך וועל זינגען אויף די שטילסטע האַרפען
אין דעם זוניג-טיפען מרחק ווער וועט מיך באַגלייטען? — —

* *
*

נישט ס'עצבות פון וועלטען וואָס וואוינט אין מיין טיפקייט
איז דאָס, וואָס עס ברעכט מיך אויף צוויי,
נאָר צייטען פון וואָגלען, אָהן גאָט און אָהן ליבשאַפט,
זיי טייטען מיין גייסטיגען ווייי.

און צייטענווייז בענקט זיך אַזוי נאָך די פיינטעג,
וואָס כ'האָב אין דער ליבשאַפט געהאַט,
וואָס האָט מיך געטריבען פאַרליבט אויף די וועגען,
מיין האַרץ איז געוועזען אַ בלאַט —

און ס'האָט זיך געוואַלגערט אַזוי אויף די וועגען,
דאָס בלוט האָט געצייכענט דעם שטראָז,
און וויפיל פון טרערען מיין אויג האָט פאַרגאָסען—
ס'איז פול נישט געוואָרען די מאָס!

* *

דאָס אַלץ, וואָס הייסט: געווען-אַמאָל און לעבט נאָך אין געדאַנק,
איז גאָלדבאַגלאַנצט אַ העלפט דאַפון און לאַכענאָנגעזאַפט,
און ד׳אַנדערע העלפט איז טרויער-פול, ווי ס׳איז צו מנחה-צייט,
ווען גלאָקענגלין און הערצערזיפץ מיט האַרציג שקיעה-רויט
ווערט איין מתיקות׳דיג געזאַנג פון הייליג יתום׳קייט.

נאָר דער דערמיטען פון אַ יעדער שעה איז פול מיט שרעק,
און נאָר עס גרוילט און גרוילט דער גוף און האָט קיין אָנהאַלט נישט.
און אָפען שטעהט די גרויסע וועלט און אומעטום: אַ וועג —
צו וואַנדערען און וואַנדערען, ווי פייגעל און ווי הינט
אַהין, וואו ס׳געהט דער ווינט. — —

# און אָפּטמאָל װינקט...

און אָפּטמאָל זינקט װי שװערער בלײַ מײַן גײַסט,
און ס׳שרעקט זיך מײַן געמיט װען נאַכט פֿאַלט צו.
װײַל אין איר טיפסטער הימלענרוה איז מײַן אומרוהיגקײַט,
און האַרט איז מיר די לאַגערונג אין װײַסען שטערענליכט.
דאָך בין איך גרײַט —
װײַל מאָרגען, װײס איך, קומט אַ טאָג פֿול רױשקײַט,
און מיט זײַן אומרוהקײַט קומט האַרצענס רוה.
כ׳געה אום און זעה, װי ס׳טובל׳ט זיך אין גינגאָלד
אַ יעדעס הױז און יעדעס ברעזועל שטױב;
און ס׳גלאַנצען טױזענט אױגען בײַ די מענשען,
בײַ לױפענדיגע הינט און פֿרומע פֿײגעל,
און מײַנע אױגען גלאַנצען צװישען טױזענט.
און אַלסדינג טו איך בענשען!

גרויזאַמער גורל, דו זון איבער מיר!
כ׳געה פּאָלגזאַם דיין וועג, ווי אַ קינד אינ׳ם ווינט,
דו ווייזט מיר צומאָלס נאָר אַן איינציגע רויז
אין דעם דאָרניגען פעלד, וואָס איז גרויס,
וואָס איז וויים:
צייט.

גרויזאַמער גורל, דו זון איבער מיר!
כ׳געה נאָך דיר דעם וועג ביז׳ן סוף, וואו עס זינקט
טאָג-טעגליך אַ זון; און איך פאַל, ווי אַ בלאַט
פון אַ בוים, וואָס האָט גאָלדענע פּירות געהאַט,
און דער בוים איז פון ד׳אייגענע פּירות נישט זאַט.

* *
*

עס שלאָפט דאָס האַרץ פאַרשאָטענט אין אַ זייט
און אין זיין נעסט ליגט אויסגעשטרעקט דער חוש,
וואָס יעדער היכער באַרג און ווייטער ים
איז נאָר זיין וועג.

עס וואַקעלט זיך דער גוף אַהין, אַהער,
אין דעם דערמיטען פון אימענדליכקייט,
און איבער'ן קאָפּ געהט אַלץ די ווייטע זון
און גליהט און ברענט. — —

* *
*

דו האָסט אַ היים, וואו אַ לעמפּעל ברענט העל
און אַ ווייס-וואַרעם בעט און אַ פרוי:
און איך בענק די שאָטענס פון ביימער ביים וועג
ביינאַכט, ווען עס שפּרייעט די טוי.

דו, עסט צו זעט און אָהן מיהען דיין מאָל
ביי דיין טיש, און דאָס קינד לאַכט דיר צו.
און איך בין אַליין פון געבוירען זיין אָן,
און כ׳האָב זייט דער וויג נישט קיין רוה.

און האָסט אַ שעה נאָך פון זעלטענעם צער —
דיין טרער האָט אַ שוים, וואו זי פאַלט...
דאָך איך אויף די וועגען האָב בוים און געשטיין...
ווען ס׳האַרץ מיינס אין שטיקער צעפאַלט.

* *
*

אַלהאַי כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַ האַרץ,
אַזוינס וואָס רוישט אין גליק און קלעמט אין צער.
אַלהאַי מיין אויג איז בלינד און נישט אַזוינס,
וואָס קוקט מיט בענקשאַפט נאָך אַ פייגעל-שאַר.

אַלהאַי מיין מויל האָט קיינמאָל נישט געלאַכט,
אַלהאַי מיין טרער האָט קיינמאָל נישט געבלענדט.
צי געה איך אום, צי זיץ איך—ס׳איז אַלצאיינס:
דער ווייטער וועג האָט דאָך אַמאָל אַן ענד!

איך האָב קיין פריינט, איך בעט נישט מער צו גאָט.
כ׳טראָג שטויב ביים גאַנג און רייכער אַ ציגאַר.
כ׳געה גאָלד פאַרביי און זיסע מיידעל-טענץ
און אַזוי איינעם רופט די וועלט אַ נאַר.

# כ׳געה מיר דעם צפון אַקעגען...

כ׳געה מיר דעם צפון אַקעגען.
לינקס איז דער טרויעריגער מערב,
דאָרט איז דאָס טאָג-גאָלד באַגראָבען.

כ׳האָב פון זיין רייכקייט געירש׳ט
בלויז די זכרונות, וואָס נאָגען—
פייערלאַך תמיד צעגליהטע...

כ׳געה מיר דעם צפון אַקעגען.
מעגליך: געפין איך אַ הייזעל,
פלאַקערט אַ פייערל דאָרטען...

וועל איך מיין פאַק און דעם שטעקען
אָפּלעגען שטיל און וועל נאַכטען
אין ד׳אָרעמס פון הוה׳ס אַ טאָכטער.

און איבער׳ן דאַך פון׳ם הייזעל
וועט פליסען אַ זילבערן טייכעל
און ביימער אַרום וועלען רוישען...

# צו דער נאַכט.

פון יענע ברעגעס הימלען, וואו מיין גרויסער אומרוהטאָג
איז לאַכענדיג געזונקען און פאַרשטילט
אין אייגען בלוט —
קומסטו צו מיר, מיין מוטער, מוטער-נאַכט,
אַ שווייגענדיגע,
און כ'שפרייט דיר אויס די אָרעמס מיט אַן אַך! —
ווי צו דערלייזונג.
איך אָטעם טרייסט פון דיינע בלאָע זוימען — —
מיין ברענענדיגען שטערען וועל איך פרעסען
אויף דיין ברוסט,
און שטילען מיין געמיט אין אַ געוויין,
וואָס כ'האָב אין מיר דעם גאַנצען טאָג געשטיקט.
וועסט הערען מיך און שווייגען, מוטער-נאַכט,
מוטער-נאַכט!
און מיינע טרערען וועט דיין שויס פאַרזאַפּען
אינאיינעם מיט מיין ציטערדיגען ודוי — —
און טרינקען וועל איך שווייגען פון דיין קוואַל
פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג פון פייניגונג...
און מאָרגען וועל איך געהן אַרויס אין גאַסען
מיט דעם קאָפּ געבויגען, ווי אַ ווערבע
ביי דער זייט פון גאָלדבאַדעקטע שטראָזען...

## אבלות.

ווי זאָל איך נישט גלייבען דעם הערבסט און די כמאַרעס,
אַז אַלץ איז פאַרלוירען, אַז אַלץ איז פאַרפלויגען?
ווי זאָל איך נישט גלייבען דעם תהום פאַר די אויגען
און גלייבען מיין האַרצען, אַז אייביג דער צער איז?

ווי זאָל איך נישט גלייבען די שטיינער, וואָס שווייגען
און הערען אין בליצנעכט געזאַנגען פון רעגען?
ווי זאָל איך נישט גלייבען, אַז ס'פאַלען אויף וועגען
חלומות, ווי גאָלדענע בלעטער פון צווייגען?— —

כ'וועל שטעהן אַמאָל איבעט ביים סוף אויף די וועגען,
וואו ס'היילען די ווינטען און פייגעלאַך קלאָגען
און כ'וועל נאָר אַ ברכה אַ לעצטע נאָך טראָגען
פאַר אַלץ, וואָס געוועזן איז אין בליהיגער יוגענט.

וועט ציהען דער הימעל טיף-בלאָ, ווי פאַרפרילינג,
צו וועלטענ'ס מרחקים, דער מזרח וועט האָבען
אַ זון אין זיין האַרץ און דער מערב—גאָלד-כשפים,
נאָר איך וועל אַ קרקע פאַר אַלעמען גראָבען...

## ערב שניי-פאַל.

אַנטלאַנג די ברייטע טראָטואַרען און האַלב-בויגענדיגע פלאַסטערס ליגט אַ קאַנט פון טויטע בלעטער איינס אויפ׳ס אַנדערע געוואָרפען— זומער׳ס קינדערלעך די גרינע.

ס׳שפּילט ביים ראָג אַ קאַטערינע זיס-פאַרגאַנגענס תמוז-לידער. זעלנער, פויערטעס אין שאַלען שטעהען שווייגענדיג און הערען.

ס׳בלאָזט דער ווינט פון ערב שניי-פאַל אין די אויגען. ס׳קומען טרערען. און איך טראַכט, אַז אין די דערפער מאַכען פוירען שוין זאַהאַטעס, בלויז אַ פענסטערל פיר-עקיג בלייבט און קוקט זיך צו דעם שטראָז-וועג.

רויט-פאַרלאָפען און ברוינבלויליך ליגט דאָס אומגעהאַקטע אָקספליישׁ אויף דעם יאַטקע-קלאָץ פאַרגליווערט.

קומט אַ פויגעל שוואַרץ און מלא פרעמד-וועלט-יתומ׳קייט און וואַרט דאָרט, פלוצים הויבט ער אויף די פליגעל: ראַף-ראַף... שניידענדיג דעם חלל.

הויב איך טרויריג מיינע אויגען צו די ערב-שנייפאַל-הימלען און אין זייער טיפקייט זעה איך דאָס נשמה׳דיגע עצבות נאָך דער יונג-פרוי׳דיגע בלאָקייט פון די תמוז-נעכט די זיסע און דאָס עצבות פאַנגט מיין נפש.

# מתבודדים.

# מתבודדים זינגען...

מיר זענען אַלע, ברודערקע, אַזעלכע עלענדיגע!
מיר, גאָט-געבענשטע, אויסגעווײלט פון חיות —
אָדם׳ס קינדער ריידעוודיגע!

און ווייל מיר קענען זיבעציג לשונות,
טראָגען מיר די לאַסט פון אַלע לאַסטען אויף די פּלייצעס:
זיבעציג מינים לייד פון אַלע שפּראַכען,

טאָ זיצען מיר און קלאָגען האַלבע נעכט אויף די געלעגערס
פאַרלוירענע מתבודדים אין אַלע שטעט און דערפער,
יעדער קלאָגט זיין אייגען לייד אין זיין גערעדטען לשון:
וויי! אומענדליך וויי!

און וויפיל מיר פאַרוויינען און פאַרקלאָגען —
זענען טויב די אַלע זיבען הימלען
פון צו הערען!

ווייל וואָס איז אונזער שפּראַכענדיג געקלאָגעכץ
און וואָס איז אונזער טרער, וואָס מיר פאַרגיסען
טויזענט מאָל אין זעקסטען טויזענט יאָר! — —

דאַפאַר׳זשע זענען טויב די זיבען הימלען,
און אונזער לייד איז זיבעציג אין צאָל!
און אַלע זע׳מיר, ברודערקע, אַזעלכע עלענדיגע!

אָהן אַ גאָט
און אָהן אַ שויס
פאַר אונזער קאָפּ,
וואָס איז באַרוישט!

# אָ, שעהן איז די וועלט...

אָ, שעהן איז די וועלט! נאָר מתבודדים׳ס מזל איז האַרט.
און מיידלאַך אַזעלכע באַ׳חן׳טע, אַזעלכע באַהאַרצטע
פאַרמאָגט אָט די וועלט!
נאָר מיר, מתבודדים, זענען אַזעלכע פאַרשוואַרצטע!
וואָס בענקען נאָך שענקייט אין ליד און וואָס טוען נאָר תפילה,
ס׳זאָל פאַלען אין מויל אַ געבראָטענע טויב —

היי-היי! וועמען פאַלט דען אין מויל אַ געבראָטענע טויב,
אַז מ׳געהט נישט מיט פייל און מיט בויגען אַרויס אינ׳ם וואַלד
און מ׳זיצט נישט ביי פאַסטוכער׳ס פייערן סאַמע מיט לאָנקע
ביז שפעט אין דער נאַכט? — —
מיר בענקען אין ליד נאָך די מיידלאַך די בלאָנדע און בלאַסע
און ס׳פאָלק פון שדכנים טוט מערען זיך און די שמשים
טראָגען די זיידענע חופות אַרויס פאַר׳ן שול-טויר —— ——
און בחורים פירען פאַרשלייערט די האַרציגסטע כלות—·
אַזעלכע גראָביונגעשע בחורים פירען די כלות,
אַז ס׳שלוכצען אומזיסט נישט די מיידלאַך פון אונטער די דעקטוך׳ס.

מיר בענקען אין ליד נאָך די מיידלאַך, די בלאָנדע און בלאַסע;
אַ סך זענען מאַמעס שוין, האָבען שוין קליינענקע קינדער,
אַזעלכע בלאָנדינקאַלאַך קליינע מיט לאַכיגע אייגלאַך!

# איינציגווייז שטאַרבען מיר...

און איינציגווייז שטאַרבען מיר אָפּ אַזוי, ברודערקע, —איינציג!
אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.
און פון אונטער די אויגען ווערט טונקלער און טונקלער
דער רינג — —

איך זעה דאָס ביי מיר:
די האָר פאַלען אויס.
אין דער נאַכט גרוילט דער גוף, גרוילט און פלאַקערט פאַר עלענד,
אַ סנה אין דער מדבר...
און אויף יענער זייט וואַנט ליגט דאָס ווייב פון מיין שכן,
אַ טרייע נשמה.
די האָר זענען שוואַרץ, אַזוי זייד-ווייך און גלאַטיג
און הייס איז איר אָרעם — —
איך וואַרף מיט׳ן קאָפּ און איך דריק אים מיט וויי צו דער וואַנט צו:
ממאו!

און כ׳טאַפּ מיט די שווייסיגע הענט מיינע אַקסלען, די מוסקלען
פון ד׳אָרעמס, דעם בויך, מיינע פיס און די שענקלען
און ס׳טוט אַזוי וויי עפּיס אויסטערליש... כ׳עפען דאָס מויל דאַן:
אַ צאָן אָן אַ צאָן—און זיי קריצען... זיי ווילען צעבייסען
דאָס אייגענע פלייש פון די אָרעמס און גריזשען די קנאָפּענס— —

## דערקענונג.

און ס׳דאַכט זיך מיר, עס דאַכט זיך דיר און יעדען איינזאַמען,
וואָס ס׳דאַכט זיך מיר,
ווען כ׳זיץ אין פינסטערניש פון האַלבער נאַכט
אויף מיין געלעגער,
מיט אַ הייסען קאָפּ,
און טאַפּ די קניה, און טאַפּ דאָס האַרץ: טיק-טאַק...
און קנייפּ מיין פלייש און פיל,
אַז דאָס בין איך
אין פינסטערניש
אויף אַ געלעגער אין דער האַלבער נאַכט.
און פּלוצים לאַך איך הויך: כאַ כאַ!
און ווייס,
אַז דאָס לאַך איך!
און כ׳וואַקעל מיט׳ן קאָפּ אַהין-אַהער—
איך וואַקעל מיט׳ן קאָפּ אַהין-אַהער!

אָט טאַפּ איך אָן מיט מיינע הענט דעם גרויל
אויף מיינע קניה,
און דאָס בין איך,
איך!

און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז דאָס בין איך דער איינציגער, וואָס פּול
און זעה מיט מיינע אויגען יך אַליין!
און כ׳ווייס אין דער מינוט, אַז ס׳איז נישטאָ

אַ גאולה מער פאַר מיין אַנטפּלעקטען איך!
און ס'איז קיין אויסוועג נישט פאַרהאַן און ס'וועט נישט זיין,
אַז כ'זאָל אַנטלויפען פון מיין זיין— —

איך פאַל צוריק— —
און מיט פאַרגלייזטע אויגען זעה איך אַזאַ הויך געביי
אין מיט'ן וועג,
געשטאַלטיג ווי אַ מענש
און גלייך צו מיר— —

איך דריק מיך צו צו דעם געביי
און ברום: געוואַלד!
גאָר אָהן אַ קול.— —

## איבער נאַכט...

אַז יעדען טאָג געהט-דורך מיין גוף אַ גרויל, וואָס הייסט: געזאַנג
אַז יעדע נאַכט האַלט איך מיין קאָפּ מיטביידע ראַרע הענט
און קוועטש אים שטייף
און פרעג מיט גיפט:
וואָס וועט זיין?—

איז דאָך קיין חידוש נישט וואָס אין דער פרי
זענען מיינע באַקען איינגעדאַרט
און מיינע אויגען רויט און אויסגעוויינט!

שטעה איך אַ האַלב-נאַקעטער אין האַלבען טאָג און כ׳וואַש
מיין קוואַרען גוף און רייב אים נאָך מיט זייף!
און שטעה אַ שעה ביים שפיגעל דאַן און טייל אין מיינע האָר
געפינד אַ שפּריצם— —

באַ-באַ-באַ!— —

## הורהא...

טאָג-אויס און טאָג-איין אַזוי דרעהט זיך דאָס ראָד:
ווי אַ חיה ברויזט-אויף אָט די שטיינערנע שטאָט
זייגער זעקס אין-דער-פרי.
און זי ברויזט און זי קלינגט
און שפייט אויס און פאַרשלינגט
אַזוי שנעל און געשווינד,
מענשען, טראַמווייען, פערד, פייגעל און הינט,
דורך דער לענג און דער ברייט,
וואו דער לעבענס-וועג גייט...
און עס דרעהט זיך און דרעהט
אַזאַ בלענדעניש-ראָד — —
און איך—בין אַ שטיק פון דער שטיינערנער שטאָט.

דרעה איך מיך: גאַסען-אַרויס-און-אַריין.
דער טאָג גיט צו זייגען אין גאָלדענעם שיין
אַזאַ גאַליגע איינזאַמקייט: וואַנדערונגען.
זייג איך און זייג שוין ביז איבער זיער זעט...
און אַ מאַטער האַלבנאַכט פאַל איך צו צו מיין בעט.
און דער ראָד פון בייטאָג: גאַס-אַרויס גאַס-אַריין,
דרעהט זיך אין קאָפּ אַזוי שנעל און געשווינד:
מענשען, טראַמווייען, פערד, פייגעל און הינט —
און כ׳קוועטש מיט די הענט מיינע שלעפען און שליס
מיינע אויגען און כ׳טראַכט: איך בין בלינד, איך בין בלינד!
הערט זיך רוישען אַ שטאָט

מיט אַ חיה'ש געבּרום;
און עס דרעהט זיך דאָס ראָד
טאַפּעל שנעלער און ווילד
איבער מיר און אַרום. — —

## אזאַ מין פאַרנאַכטיגער גאַנג...

די זון איז פאַרגאַנגען און איך בין געשטאָרבען
פאַר איינזאַמקייט.
האָב איך נישט געפונען קיין רוה אין מיין אָרט—
בין איך אין עולם-התהו אַרויס — —

אַ דאָס איז אַזאַ מין פאַרנאַכטיגער גאַנג,
די שטיינער אין גאַס זענען טויט, זענען קאַלט,
און ס'דאַכט זיך, אַז זיי האָבען אויכעט געלעבט
אין דער זון — —

געה איך און געגעץ-אַריין אין דער וועלט:
וואַ...
און ס'נידערט די נאַכט אַזוי פויל, אַזוי טריב,
וואַ...

איינער, אַ הויקער, געהט-אום מיט אַ דראַנג
אַנטלאַנג דעם בולוואַר,
אויפ'ן שפיץ ברענט אַ קנויט,
און אַ לאָמפּ נאָך אַ לאָמפּ
כאַפּט זיך אויף פונ'ם שלאָף — —
וואַ...

עפּיס קלעמט נישט דאָס האַרץ,
עפּיס פיל איך עס נישט —
וואַ...

הייזער אין פינסטערניש. מענשען. בולוואַרט..
דאָס איז די וועלט!
פ׳געה — —

געה איך און גענעץ-אַריין אין ז׳ער וועלט:
וואַאַ!

וואָלט קומען אַ מענש און געדריקט מיר די האַנט,
אַ!
און וואָלט ער גערעדט אין דער פינסטערניש רייד
זענען רייד אין דער פינסטערניש הייליג און לייכט
און נישט ווי בייטאָג — —

נאָר דערווייל, נאָר דערווייל —
געה איך און גענעץ-אַריין אין דער וועלט:
וואַ!

## ווײנען די ווענט...

ווײנען די ווענט און די כלים אין שטוב
נאַכט-אויף-נאַכט אינ'ם פינסטערניש:
פאַרוואָס איך פאַרשלאָף מײנע יונגע נעכט
אין אײנזאַמקײט.

שטעהט אין אַ פינסטערן ווינקעל בײנאַכט
ס'לעבען מײנס, ווי אַ פאַרהילטע געשטאַלט
פון אַ הײליגער פרוי
און ברעכט מיט די הענט
און קלאָגט, קלאָגט:
פאַרוואָס איך פאַרשלאָף מײנע יונגע נעכט
און מײדלאַך און טענץ זענען דאָ אויף דער וועלט
און נאַכטליך גליק איז אַזויפיל פאַרהאַן!
און אין — שלאָף.

*

איך נידער אַראָפּ פון דעם גליהיגען באַרג
וואַנדערער-טאָג.
און ווייט אונטער מיר,
אונטער פּעלזען׳ס ווענט
הענגט דער רויטער קאָפּ
פון׳ם טאָג׳ס צוועלעף שעה — — —

כ׳קוק מיך נישט אום.
נאָר איך הער מיך צו:
ס׳שלאָגט אין דער וועלט׳ס
בלאָער בוזעם: בים!

אַ — —

פענסטער פון שטאָט
זענען וואַסערען גלייך,
וואַסערען בלאָ...
נאָר קיין שיף איז נישטאָ
און קיין ברעג איז נישטאָ. — —
אַך!

און ס׳יתום׳קייט הילט
מיט נשמה׳דיגקייט
אַלע מענשען איין.
אַלע מענשען׳ס עפּ
זענען קלאַנגענפול

און סודות׳דיגקייט. — —

אַ מענש דאַרף אַ הויז
און דער קאָפּ דאַרף אַ שויס...
אַך!

און גאָט קאָן נישט שטילען
דעם וועלטענפאַרלאַנג
פון מענשען אַ סך
אין דער ווייכער נאַכט!
קלויבט ער הונדערטער אויס
פון אַ יעדען מיליאָן
און לעגט זיירע קעפּ
אין שויסען ביינאַכט. — —

# דיכטער.

ז

מיר זענען קליין, מיין פריינט, ווייל מיר נאָר מענשענסקינדער זענען,
נאָר אונזער זעל, דער דמיון-גאַנג, און אונזער האַרץ וואָס פילט
און גיט זיין קלאָג און פרייד אין ליד—איז אונזער שטאָלץ און גרויס:
מיר זענען ווענס מלכים גלייך און מענשען, ערדזיהן בלויז.

אונז ברענט אַ זון—דאָס געטעראיוג—און ווינטער׳ס גלאַנץ אונז קילט,
ווי ביימער בייגט זיך אונזער גוף ווען ס׳בלאָזט אַ שטורעמווינט;
דאָך טראָגען מיר די האַרצענס וועלט פול שיין אין טרויערנעכט,
און אונזער נפש, אייביג שטאָלץ לעבט וואָלקענטיף אין לעכט. — —

דאָס מענשען-מין איז אונזער שטאַם. דער בוים וואַקסט אונז אין טאָל,
און זיינע וואָרצלען טרינקען פון דעם טונקלען טאָלגעטראַנק.
דער בוים-שפיץ שטייגט ווי גלעטשערס הויך צום הימעל, וואו עס פליהן
די אָדלערס און מזלות געהען זייער וואונדערגאַנג.— — —

## 11.

די אייביג-פאַרלוירענקייט דיינע, מיין פריינט, און די מיינע,
דער ציטער אין נפש ביים דורכנעהן אין קייטען געפאַנגען—
איך ווייס, ס'האָט דערהויבען אונז ביידע אויף פליגעל פון טרויער
ביז צו דעם העכסטען אָלימפוסגעבערג פון געזאַנגען.

און אין אונזערע הערצער'ס תהום האָט אַ שיין פון לבנות
באַזילבערט די טונקעלקייט דאָרט און די כוואַליעס באַגאַנגען:
עס זאָל נישט אַ מענשען'ס אַן אויער דערהערען זיי רוישען—
מיר האָבען די הערצער געטראָגען פול טרויערגעזאַנגען!

מיר האָבען דאָס שווייגען ביי איינזאַמע פעלזען געלערענט.
אין רעגענטעג, בליצנעכט געוואָגעלט און קראַפט נישט פאַרלוירען,
כאָטש ס'האָט זיך פאַרבאָרגען אין בלוטען דער יאוש געצויגען,
ווי ס'נערט זיך אַ שלאַנג אין די פינסטערע פעלזען געבוירען.

מיר האָבען אַ ליבע געליבט אַלע שענסטע פון טאָלען,—
מיר—זיהן פון אָלימפוס און זיינע האַרץ-היטעל-געזאַנגען!
און כאָטשע האַלבנאַכט האָט אַ שטן פאַרלאַכט אונזער ליבע—
מיר האָבען געוואַרט, אַז מיר זאָלען דעם מזרח דערלאַנגען!

* *
*

נאָך שטילער טויבענשאַר אין ווייטקייט, טיף,
איך שיק מיין האַרץ אַ בענקענדיגס אַוועק:
זיי גרייכען אַלע דאָרט צום קרישטאָלבערג.
זיי קושען שטילע אָפּ די פּאָרהאַנג-זוים.

דאָרט בלאָזט אַ בשמים-ווינט, אַ חלום קייט,
פאַרבייגט די פּאָרהאַנג גרינג און רויזיג ווינקט
אַן אָפּען היכל מיר... עס וואַרט אין שיין
אַ האַרציג מיידעל אין אַ תכלת-קלייד...
מען זינגט: „אַריין"!

מיט שטילער טויבענשאַר קערט האַרץ צוריק,
פול ריינסטען היכל-חן, פול הימלענלויב,
און כ'טראָג עס אום אַזוי אין מענשענטאָל:
עס זעהט קיין אויג אויף מיר דעם זילבערשיין;
איך בין מיט מענשען גלייך פון ערד און שטויב,
און כ'טרינק פון זייערע בעכער'ס טרערענוויין.

* * *

פ׳גיב איבער מיך ספקות און לאָז מיך א מהאַלזען,
און יאָ גליק, צי נישט גליק —
איך לעב דאָך!

כ׳געה אַלץ נאָך.
דער וועג ער איז ווייט און ער פירט נישט צוריק.
עס איז נענטער צו קומען צום סוף, איי צוריק.
און אויסער דעם רייכטום פון גאָלד, זענען מענשען
דאָך אָרים...איך שפּרייט מיינע הענט זיי צו בענשען
מיט גייסט.

ווער ווייסט,
צי עס וועלען די מענשען נאָך ווערען
העל-ווייסע נשמות, ווי כ׳זעה זיי אין טרערען?—

* *
*

און שווימט נאָך אַ טרער אויף און גלאַנצט אָין מיין אויג,
איז אַ סימן, אַז איך האָב אַ האַרץ נאָך אַ ווייכ׳ס!
כאָטש איבער מיר פאָכעט אַ שאָטען פון העק
און מיין מזל איז האַרט—
איז עס נאָך נישט קיין שטיין.

און האָב איך אַ האַרץ אַזאַ ווייכ׳ס, איז גענוג,
אַז מיין לעבען פאַרמאָגט כאָטש אַ האַרץ אין זיין טיף!
און פאַרמאָגט עס אַ האַרץ—
טאָ איז גוט, טאָ איז גוט,
וועל איך זינגען אַ סך!

און שטעהט ערגיץ וואו, ביז אין חצות פון דער נאַכט,
אַ פאַרפינסטערטער מענש, ווי אַ בוים אין מיט פעלד,
און וואַרט אויף מיין קומען אַ יעדע מינוט—
איז אַ סימן, אַז הייליג און הייל איז מיין וואָרט,
אַז עס אָטעמט מיט טרייסט, ווי דער פאַרפרילינגס-ווינט
און האָב איך אַ וואָרט וואָס איז הייליג און לינד—
טאָ איז גוט, טאָ איז גוט,
וועל איך זאָגען דאָס וואָרט!

***

איך בין דער שטילער גלאַנץ, וואָס שניידט די נעפּלען דורך
און זעלטען, וואו-נישט-וואו, טרעפט, אַן אויג דערשנאַפּט
מיין ציטערדיגען בלענד:
אַמאָל בין איך אַ קינד, אַן אָרים טרויריג קינד,
ווילד-אַוועקגערויבט פון אונטער מאַמע׳ס הענט;
און מיט אַ בענקשאַפטבליק צו דער ווייטער היים,
ווי יענער שטומער שטיין אין אַ טיפען טאָל,
וואָס פון בערגערשפּיץ האָט אַ ווינט פאַרכאַפּט,
קוקט צום באַרג אַרויף — —

און ווייס, מיין פריינט, עס איז מיין זעלפאַרלאַנג דאָס ליד
פון דער פריידענשוואַלב אין פאַרפרילינגסצייט— —
און כאָטש איך וועל פאַרגעהן—דאָך ווייס: וועסט זעהן דעם גלאַנץ
נאָך יאָרען-לאַנג, נאָך יאָרען-ווייט — —
וועסט מיין אָפּבילד אין אַן אָרים קינד דערזעהן
און ס׳וועט אַ פייגאַלע פאַרטרויען דיר מיין קלאַנג,
וועט זיך גלוסטען דיר: פלעכטען מיר אַ קראַנץ
איז די וועסט זוכען מיך אין אַלע וועלטען געהן...

## באטראכטונג

איך בין געווען דער אָנהאַלט פאַר די לענבאַדאַרפענדיגע
פון חלום-הייך געפאַלענע און גליק-באַרויבטע מיידלאַך.
זיי האָבען הייסע קעפּ, ווי שאָף, געלעגט אויף מיינע אַקסלען
און אויסגעוויינט געשטיקטערהייט און אויסגעשלוכצט די געלע,
די טיפע חורבן-זעלע.

צעהן בחורים האָבען זיי געטיילט אין זייער פרילינג
זייער גאָלד און בליהונגזיסקייט,
זייער זייד און סאַמעט,
און אָרימע און האַרץ-יתומות, אָנגעזאַפּט מיט אומגליק
זענען זיי געפאַלען אין מיין אָרעם, ווי יתומים
פאַלען ביי די טייערע מצבות. — —

און איך האָב טיף אין האַרץ אַריין געאָטעמט יעדען ציטער
פון די דאַרע פרויען-גופים, תאוה-אויסגענאָגטע,
און איבער זיי׳רע קעפּ האָב איך פאַרלוירען רייד בלחש,
ווי אַ חשון-רעגן טריפט אויף די אַנטבלויזטע וועלדער...

און ס׳איז מיין ליד און ס׳איז מיין יוגענט און מיין גרויסע ליבשאַפט
אַ געטראַנק געווען פאַר ווילדע אויסגענאָגטע מיידלאַך — —
מיר האָט קיינע ס׳גליק געגעבען, אויסער טרערען, טרויער,
און די דאַרע ציטערדיגע גופים איבערענפערט
הפקר אין די טרייע אָרעמס מיינע — —

## כ'ווער ווייניגער אַלץ...

כ'וועל ווייניגער אַלץ יעדען טאָג און וועל פול יעדען טאָג,
ווי אַ ים פון געזאַנגען געהט איבער די ברעגעס פון זאַמד.

די קללה פון מענשען איז חל אויף מיין קאָפּ אינ'ם טאָג
אין אָפּענעם לעבען, אַז כ'געה, ווי די אַנדערע געהן.

אָבער ווי זילבערנע טייבאַלאַך שוועבען אַרום
די ברכות פון גאָט
אין מיין בסתר'דיג לעבען—אין מקדש: אַליין...
אין שעה'ן פון יחוד, ווען כ'הער נאָר דעם האַרצענס טיק-טאַק
און ס'שטילע געוויין.

אין מאַרקען פון הפקר'דיגקייט בין איך בלויז נאָר אַ שיין,
וואָס פלאַטערט אין ווינט און פאַרלירט זיך אין כוואַליעס פון ליכט!

אָבער אין טונקעלסטען ווינקעל פון גאָט'ס אויפדערנאַכט,
בין איך דער זילבערנער זייל, וואָס דעם הימעל דערגרייכט,
ווען מנחה-צייט-גינגאָלד צעקושט זיינע זוימען פון זייד.

# דער חלק אלוה...

דער חלק אלוה וואָס איז אין מיר: אַמאָל אַ ליד אין מיטען נאַכט,
ווען ס'שטעהט מיין בעט אין זילבערקייט און צעהן פּאָר מאַן-און-ווייב
אין דער דריי-גאָרענדיגער מויער, וואו איך וואוין,
טיילען זיך מיט נאַכטליך גליק אין ווייסען שטערען-שיין
אין דער מינוט.
אַמאָל—דאָס טיפע שווייגען, בלויז דאָס משיג זיין מיין איך:
אַ ציטערדיגער נוגה-שטערען שיינט
אין דעם התבודדות אַ ד אָ אויף דר'ערד.
און צייטענווייז, פאַרנאַכט: איך בין אַ גרויסע טונקלע טרער,
אַ ריר—און ס'פאַלט די טרער אַראָפּ אין שטויב — —
און צייטענווייז, פאַרנאַכט: איך בין אַ זיבען-סטרונעס-זייד
אין אַ טיפען קנאָלענדיג געשיר —
אַ ריר, אַ בלאָז פון ווינט און ס'טענט און טענט
די בלאָע לופט אין שטוב — —
און ס'דינט דאָס בינטעל ביינער פלייש און בלוט
דעם חלק אלוה צו יעדער צייט.
און מער פאַרמאָג איך נישט אין גאָר דער וועלט.
און איך אַליין בין אויך נישט מער ווי דאָס...

# ירושה.

אַ ביכל מיט שירים, בלוט-טריפענדע חרוזים,
און בערגלאַך צעוואָרפענע כתבים מיט שורות,
וואָס כ'האָב נישט דערלעבט זיי צו ריימען ווי פּערעל
אויף זילבערנע פעדעם.

און ערגיץ אין שטעט, אין פאַרשידענע דירות
וועלען כיין וואונד אין געדעכעניש טראָגן
שטילע נשמות— —

און ערגיץ אין שטעט אין פאַרשידענע דירות
חעלען, פאַרגעסען, אין גליק צי אין אומגליק
לעבען די מיידלאַך, די זיסע, וואָס כ'האָב זיי
געהייליגט אין ליבע.

צום סוף וועלען איינציגווייז שטאַרבען די אַלע.
דאָך שטילע נשמות וועט י ע ד ע ר דור האָבען,
וואָס וועלען מיט הייליגען ציטער זיך בייגען
איבער די ספרים פון טרויער געזאַנגען...

# אַוועק פֿון די מענשען.

1

איך האָב אײערע סטעפּעס פֿאַר בלומען פֿאַרזײעט
און גאָט׳ס זיבּען הימלען געבּעטען: שענקט טויען׳
איך האָב געלאָזט וואַקסען אַ סאָסנאָווע וואַלדונג.
וואָס זאָל איך פֿאַרבּערגען אין העלישע זונען:

איך האָב אײערע מאָרגענס מיט רויטקײט געגאָלדעט
און גערטנערס געזאַנג מיט די פֿײגעל געזונגען;
איז אָבּער דער טאָג פֿון דער צײטונג געקומען,
האָט איר אײער גערטנער צום חג נישט גערופֿען!

טאָ בּין איך געגאַנגען... אַ קראָ אויף די וועגען
פֿרעגט: קראַ, וואוּאַהין? און איך ענטפֿער: סאַהאַראַ!
כּ׳טראָג זאָמען אַוועק פֿון די מענשען, כּ׳וועל פֿלאַנצען
אין בּרענענדען זאַמד פֿון סאַהאַראַ מײן גאָרטען!

כּ׳וועל זינגען מײן ליד פֿאַר דעם זוניגען חלל,
פֿאַר זאַמדען וואָס בּרענען אין מדבּר-סאַהאַראַ——
קראַקראַ-וואוּאַהין? און איך ענטפֿער: סאַהאַראַ!
כּ׳טראָג לידער און זאָמען אַוועק פֿון די מענשען!

II

רוף מיך נישט, פריינט, אינ'ם מאַרק פון די מענשען,
וואו קלאַנג און געזאַנג איז און ליבשאַפט, ס'איז ליגען!
אָ, רוף מיך צו זאַמדיגע ברעגעס פון טייכען,
כ'וויל הערען פון כוואַליעס און תהומות דעם ניגון!

כ'וועל טראַכטען פון דעם, וואָס נישט מענש איז, און טראָגען
מיין האַרץ, מיין געדאַנק, צו די גראָזען אומגאַנצען.
כ'וועל בייגען מיך שטיל צו דערהערען דאָס לעבען
פון חיה'לעך שטומע, וואָס זשומען און גלאַנצען...

אַ הונט וועט פאַרבייגעהן—כ'וועל ווינקען, אים רופען:
קום צו! און איך וועל אין די אויגען אים קוקען — —
כ'וועל אפשר דערפילען זיין גוטסקייט פאַר וועלטען,
און טרויריג, פאַרלוירען, העט-ווייט נאָך אים בליקען...

צי דאַרף איך אַ מענש-פריינט—און אָהן אים הייסט: עלענד?
כ'וועל רעדען, ווען כ'דאַרף, צו'ן אַ בוים, צו מיין שאָטען;
כ'וועל האַלדזען אַ שטיין, וואָס די רעגענס אים וואַשען,
אַ שטיין, וואָס גאָט'ס זונען אים ברענען און בראָטען!

* *
*

און אָפּט בין איך פֿינסטערער נאָך און געבויגענער נאָך
פֿון אַן איינזאַמער ווערבע, וואָס שטעהט אין דער נאַכט ביי אַ טייך
אַזאַ טייך וואָס איז פֿינסטער און שפּיגעלט קיין הימעל נישט אָפּ —
אַזאַ קלאָגיגער טייך.

און ס׳שטעה אַ געבויגענער פֿינסטערער בוים ביי דעם ברעג
פֿון מיין אייגענעם זיין, ביי דעם טייך פֿון זכרונות: אַמאָל,
און ס׳קלאָגט זיך דאָס לעבען מיינס שטיקערווייז, שטיקערווייז, ווייט,
אַזאַ קלאָגיגער טייך.

און אָפּט בין איך העכער נאָך, שטאָלץ, אין התבודדות-וועלט,
פֿון אַ הויכען לבנון-בוים און פֿון אַ שנייאיגען אַלפּ,
עס זינגט אַ כּלי-ניגון אין מיר און דער הימעל ליגט נאָנט —
אַזאַ זייד אויפ׳ן קאָפּ.

# אין אויסגעהאַקטען סאָסנעוואַלד...

אין אויסגעהאַקטען סאָסנעוואַלד אויף מיין חלומות-אינזעל,
איין סאָסנע, אַ פאַרבליבענע, וואַרפט ציטערדיג אַ שאָטען,
וואו ס'רוהט אין אים מיין האַרצענס גאָט, מיין לידערגאָט, געבויגען,
מיט לעצטע קרענץ אין טרערענקוואַל, אין אייגען בלוט גע'טובלט.

דער מערב דאָרט טראָגט בוזעם-טיף אין זיך אַ שקיעה-רויט,
און ס'טראָגט באַ'צער'טע פייגאַלאַך אַ ווינט פון ווייטקייט אָן.
דער לידער-ים קושט, רינגלענדיג די אינזעל-ברעגעס, אָפּ,
מיין האַרצענסגאָט, מיין לידערגאָט, שפרייט פליגעל אויס צום ים.

# אין הײלינסטע שעה'ען.

* *
*

אין רויזיגע פאַרנאַכטען פון דעם ריזענפרילינג,
ציהט דאָס אויג צו ווייטע, רויטע מערב-ברעגעס,
און ס׳דאַכט זיך, ווי ס׳וואָלט ליגען אין מערב׳ס שויס באַהאַלטען
מיין פאַרבלוטיגט האַרץ, מיט סטרונעס דורכגעצויגען.
און גלייך אַ קוואַל פאַרבאָרגען, כליפּעט עס די בלוטען
פון געזאַנג און פרילינג...

אין רויזיגע פאַרנאַכטען פון דעם רויזענפרילינג,
ציהט דאָס אויג צו ווייטע, רויטע מערב-ברעגעס.
און ס׳דאַכט זיך, אַז מלכים מיט אַלבאַסטער-גופים
נידערען פאַרשלייערט אין גרינגע זייד-יריעות
מיט די גינגאָלדקרוינען, גליהענדיג, זיך טובל׳ען
אין די טרערענקוואַלען פון מיין לידער-נפש — —

דאָס זענען די טיפסטע, די הייליגסטע שעה׳ען,
ווען מנחה-צייט-בלאָקייט דעקט איבער מיין הייזעל
און וועלטען, ווי קיינמאָל, פאַרטיפען זיך, שווייגען,
און ס׳ציהט דורך מיין זעלע די טיפקייט פון וועלטען,
און כ׳שליס מיינע אויגען און טאָפּעל נאָך זעה איך,
וואָס אָפּענדיג זעהען די מענשליכע אויגען...

דאָס זענען די זיסטע, די גליקליכסטע שעה׳ען,
ווען ס׳צאַנקען די רויזיגסטע פאַסען אין ווייטקייט
און אַלץ איז פאַראיינזאַמט און הייליגער-טרויריג,
און נישט די געליבטע רוהט שטיל אין דיין אָרעם —
נאָר פילסט, אַז דער הימעל ליגט זאַנפט דיר צוקאָפּענס
און יתום׳דיג ביסטו ווי אַלע די וועלטען— —

און ס׳ווייסט זיך קיין חילוק פון מענשען צו מענשען...
אָ, ליב זענען אַלע און ווייך זענען אַלע!
געבענשט איז דער אָוונט, וואָס ברענגט זיי די שלוה
און מאַכט זיי יתומים אין ווינקאַלאַך שטילע;
געבענשט איז די בענקשאַפט, וואָס הייבט זייער נפש
און ציהט זיירע אויגען פול-טרערען צום הימעל.

און קומט צו מיר ווענס, נאָך גליה-רוישיגע טעג
פון וואָגלען אַ סך אויף אַ שטויביגען וועג,
איין שעה נאָר פון צער און האַרץ-אייגענע לייד,
און דער הימעל ציהט קיל אַזוי איבער מיין קאָפּ,
און ס׳שענקט זיינס אַ כמאַרע אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ—
ווערט הייליג מיין זעל און איך האָב נישט קיין רייד.

און כ׳בענש יעדען שאָטען, וואָס פאַלט ביי מיין שוועל.
ים-טיף איז מיין זיין, מיין זכרון גיט ליכט.
און איך בין אַ הימעל פון טרויער-זיסע נעכט:
זכרונות, ווי שטערען, זיי גלאַנצען זיך העל — —

איז זיס מיר מיין לייד, ווי ביי מענשען די פרייד,
און ווי מענשען אין גליק—בין איך גליקליך אין שמאַרץ.
און די איינזאַמקייט מיינע רעדט שטום צו מיין האַרץ
אירע הייליגסטע רייד...

און זעלטען נאָר איז עס, איך ווייס נישט ווי ס'קומט מיר:
און אונטער די פיס ווערען ווייכער די וועגען,
און ס'ציהט צו דער שוואַרצקייט פון דר'ערד און עס גלוסט זיך
מיט אָפענע אָרעמס צו פאַלען און קושען — —

און זעלטען נאָר איז עס, איך ווייס נישט ווי ס'קומט מיר:
און טיף, אָהן אַ גרונט, איז דעם האַרץ'ס בין-השמשות
און גליקליכער איז זיך... עס ווילט זיך נישט בייטען
מיט אַנדערע פריידענס פאַר אייגענעם צער — —

און זעלטען נאָר איז עס—און זיס איז דאָס וויסען,
אַז אַלץ איז פאַרלוירען און גרויס דאָס אַליין-זיין!
און קלאָר איז דער מרחק פאַר ד'אויגען אין טרערען,
און ריין, ווי די טרערען, איז אויבעט דאָס נפש.

## IV

און זעלטענער ווערט דאָס וואָס נאָענט אַרום מיר איז
און נאָענט אַזוי ווערט מיר דאָס ווייטסטע.
און שאַרף, מיט מיין חוש, צו דעם העכסטען דערגרייך איך
און סודות פון וועלטען אַנטפּלעק איך.

און קלאָר אַזוי איז מיר וואָס אונטער די וואָלקענס
און כ׳ווייס פון דעם גאָט אינ׳ם הימעל:
אָ! ס׳איז קיין מחיצה נישטאָ נאָר אַ ה י מ ע ל
צווישען דעם גאָט אין מיין האַרצען!

און כ׳לעב מיר די אייביגקייט דורך אין אַ רגע
איך לעב מיין ד ע ר נ אָ ך נאָכ׳ן לעבען—— ——
און רעדען דמיונות: ווערסט שטאַרבען, ווערסט שטאַרבען,
איך לאַך און אַך פיל: איך בין אייביג!

ע

און ס׳זענען נאָך אַנדערע זעלטענע שעה׳ן— —
און קומען זיי הייליג, ווי שוואַלבען צו פליהען,
ווען ס׳שפרייטען מלאכים דאָס גאָלד אויף די וועגען
און ס׳דעכט זיך: דאָס האַרץ פון די וועלטען שטעהט אָפען—

און קומען זיי ציטריג, ווי שאָטענס צו מנחה,
ווען ס׳טראָגען די וואָלקענס אַ רויטקייט אין בוזעם,
וואָס גליהט אין אוקינוס און שלאָגט אין מיין אויג אָפ
און ס׳פלאַטערען סטרונעס ווייטענס, אין ווייטענס—

דאַן בייג איך דעם קאָפּ ווי אַ ווערבע צו מנחה
אונוואַרט אויף די שטערען, ווען ס׳שפרייען די טויען— —
עס פאַלען די טרערען... זכרונות כּאַרינגלען
און אַנדערע וועלטען איך זעה אין מיין דמיון.

צו מיר קומט דאָס גליק, ווי אַ שוואַלב, און מיין קאָפּ איז
גענבויגען אַראָפּ: כ׳האָב אַ נייעם קוואַל טרערען
אין האַרצען.
צו מיר קומט די פרייד, נישט ווי ד׳קומט צו די מענשען,
און כ׳לאַך נישט און זינג נישט, איך שווייג און איך פיל נאָר:
איך אָטעם— —

און ווי פון אַ מדבר אַ ווייטע אַ ווינט קומט,
וואָס בלאָזט אויף מיין פידעל און פראָשעט דעם שטויב אָפּ
און ד׳אַקסעל— :

כ׳הייב אָפּענע אָרעמס און אויגען צום הימעל
און ס׳פליסט פון די הייכען די שטילקייט פון וואָלקענס
דורך מיינע רעיונות.— —

VII

און נישט נאָר די לויטערע פרייד איז דאָס לעבען,
און נישט נאָר אַ זון איז אַ ברכה פון געטער;
אַמאָל איז גאָר טונקעל און ס׳קומען די כמאַרעס
און זיס איז דער ניגון פון רעגענס וואָס פאַלען.

אַמאָל איז זיך טרויריג. אַ תהום איז דער טרויער,
און גוט איז די איינזאַמקייט אונטער די הימלען:
עס פאַלען די טרערען, און זיס איז דאָס הערען
דעם הייליגסטען ניגון פון אייגענעם האַרצען.

## IIIV

דער הימעל ליגט נאָנט צו די פעליזען, כ׳קלאַמער מיך צו צו די גלעטשערס
און כ׳וויס, אַז מיין האַרץ איז אַ קוואַל נאָר, ווי יענער אין האַרץ פון אַ פעליזען,
וואָס איז נאָך פאַרשלאָסען, פאַרשלאָסען.

כ׳הער פליהען אַן איינציגען פויגעל און ציהען פון טרויריגע וואָלקענס.
מיין נאַקען פילט פאַלען די טויען... איך זאָג אין געדאַנק מיינע אויגען:
זיי זאָלען קיין טרערען פאַרגיסען.

און כ׳זאָג אין געדאַנק מיין נשמה: דאָס שווייגען, דאָס שווייגען איז הייליג,
עס שווייגען דאָך הימלען און פעליזען, כאָטש אַלע זיי פילען און בענקען,
כאָטש אַלע זיי פילען און בענקען!

IX

אַן איינציגער שטערען געהט-אויף אין דער ווייטקייט
און וועגען פֿאַרלירען זיך טונקעל;
שווייג, האַרץ און זעה, אויג: ס'איז דער מרחק פֿאַרשלאָסען
אַרום מיט פֿאַר'חלום'טע פעלזען.

שאַ! היילִיג צעפּליסען זיך אונטען די כוואַליעס
אין ס'פּלאַטערט צו פעלזען אַ ניגון:
אַ קינד כּוּנ'ם טאָל האָט אַודאי. אַ גוסלאַ
צום רוישיגען וואַסער פֿאַרטראָגען.

שווייג, האַרץ מיינס, אָ, לערן זיך שווייגען פון פעלזען
וואָס האָבען, ווי דו, צו דערצעהלען,
און לאָזען די וואַסערען מנחה-צייט לויפען,
האַרצעדיג קלאָגען אין מרחק...

## פארנאכטענגאלד.

* * *

פאַרנאַכטענגאָלד ליגט אויף דער שוועל פון מיין וועלט,<br>
דאָס טייערסטע בלוט איז פאַרשפריצט.<br>
ס׳מעג קומען אַ יעדער צו געהן אין מיין שלאָס—<br>
ס׳איז מנחה-צייט, תפלה-צייט איצט.

מיין הימעל איז בלאָ און מיט שטערן באַשפּרייט.<br>
דער וועג צו מרחקים איז שוואַרץ.<br>
נאָר טיף אין מיין וועלט איז אַ שחר מיין גייסט<br>
און אַ גאָלדענער גלגל מיין האַרץ.

* *
*

פון וואַנדערונגען קער צוריק, מיין זעל,
קענסט קיינמאָל נישט געפונען וואָס דו זוכסט,
און דיינע שטילע וואונדען טריפען בלוט,
טריפען בלוט.

און וואַנדערסטו צו פרעמדע קוואַלען טרייסט,
וואו יעדער וואָגלער טרינקט באַרוהיגונג —
פאַר דיינעטוועגען וואַרט די אומרוה בלויז
און טאָפּעל צער.

טאָ קער צוריק, מיין זעל, ס'איז פריי מיין טיך,
מנחה-שטערען שפרייט איך דיר... אָ הער!
ווי אַלצדינג וואָס אין מיר בעט בלויז צו גאָט
אין שטערענשיין.—

*

פ׳קלויב פערעל צו פערעל—טרערען — צונויף
און שנורעלווייז טו איך באַהענגען מיין גייסט,
און איז מיר פון הימלען געגעבען נאָר צער —
וואָס דאַרף איך דען טרייסט?

פ׳קלויב פערעל צו פערעל—ווערטער—צונויף
וואָס טויג׳זשע מיר רייכטום און זילבער און גאָלד,
פ׳האָב לידער אַן אוצר און טרערען אַ קוואַל—
צי האָב איך דען אנדערש געוואָלט?

# פאַר גאָט.

1

דו ביסט די אייביג-ערשטע קראַפט, וואָס האָט געשוועבט, אַליין-געקיניגט איבער וואַסערען אין חשכות פון דעם הוילען וויסטען ת׳הו פאַר בראשית!

דו ביסט דאָס וואונדערליכע בת-קול דורך דעם עדן׳ס גאָרטענטיפקייט ווען דער ערשטער מענש פאַרדעקט זיך מיט אַ פייגענבלאַט די בושה —: אָדם! אָדם!

דו ביסט דאָס וואונדערליכע סוד-קול פון דעם פלאַקערדיגען דאָרען, וואָס רופט-אָן דעם פאַסטוך׳ס נאָמען אין אַ בראַנדיג מדבר-מיטאָג. משה! משה!

און אָט דאָס קול האָט אויגען שטילע, וואָס דערזעהען מיך ביים קניען פאַר אַ טמא אשה-נדה שפעט ביינאַכט –— און כ׳הער אַ בת-קול רופט מיין נאָמען. —— ——

דו ביסט דער שאַפער פון די דורות און באַגלייטסט זיי ביז צום אויסלאָז,
דרעהט דעם ראָד פון די מזלות: זון אַרויף און זון אַרונטער,
אָהן אָן אויסלאָז.

טוי און רעגען טריפט דיין הימעל און ירקות-פעלדער בליהען,
בליצען שניידען-דורך די וואָלקענס און דיין דונער וועקט די וועלטען,
ימים זידען!

און דער גרויל, וואָס געהט-אַדורך מיין גאַנצען גוף און כ׳הייב-אָן בעטען
נאָך פיר-עקען-וועלט און הימלען, און פאַר לויטער בענקשאַפט זינג איך
שיר-השירים—

דאָס ביסטו די קראַפט, וואָס קיניגט איבער מיר אין מיין נשמה!
און דורך מיינע בלוטען הער איך דיין באַפעל: צו מיינע הימלען
הייב די אויגען!

שטעה איך אין די גאָלד-פאַרטאָגען קעגען מזרח מלא תפילה,
קני איך מנחה-צייט אין דבקות און באַגער נישט מער — נאָר כ׳מורמעל:
הללויה! — —

III

וואָס איז דען מיין ערשטער געדאַנק אין פאַרטאָג, ווען כ׳פאַרלאָז
מיין געלעגער און געה אין דעם חאַרץ פון די וועלטען אַריין,
צו ליידען מיין פיין—

וואָס איז דען מיין איינער געדאַנק אינ׳ם מיטאָג-געֿרעש,
וואָס איז ווי אַ גליהענדע קויל אין אַ הויפען פון אַש,
ווען כ׳שפאַן ווי אַ גאָר-נישט אַרום אין דער ריזיגער שטאָט
און ס׳דרעהט זיך די זון אינ׳ם ראָד—

וואָס איז דען מיין לעצטער געדאַנק, אויב נישט: הייליגער גאָט!
ווען כ׳פאַל שוין אַ מאַטער און מידער צום נאַכטליכען בעט.
און ס׳שטעהט מיר צוקאָפּענס די שכינה און רעדט נישט און רעדט,
נאָר ציטערט און גלעט. — —

מיט דיר מיין באַשעפער, איז לויטער גבורה מיין וועל׳ט,
פול חסד און חן.
איך בין שטאָלצער און שטאַרקער אַ סך פון אַ סאָסנעווע בוים,
וואָס טראָגט אין-דער-פריהען אַ פערלענע טוי אויפ׳ן קאָפּ
און סוד׳עלט מיט שטערען זיך דורך די לבנה׳גע נעכט.

מיט דיר, מיין באַשעפער, איז ס׳הארץ אַ כלי-ניגון אין מיר,
וואָס שפילט הללויה אַקעגען דער זון און לבנה,
אָהן קולות און ווערטער.

נאָר אָהן דיר, וואָס בין איך, מיין גאָט, איין-און-איינציגע רבונו—
אַפילו נאָך ווייניגער בין איך און איינזאַמער נאָך
פון אַן איינציגען בוים,
וואָס שטעהט אַ פאַרגעסענער ערגיץ אין האַרץ פון אַ מדבר,
אַ בראַנדיגע מדבר,
צווייגען געבויגען און טרוקען, קיין נעסט פון קיין פייגעל,
קיין טוי נישט צו שחרית, קיין טוי נישט צו מנחה,
און סוד׳עט מיט שטערען זיך נישט. — —

אָדער כ׳בין ווייניגער נאָך פון אַ קינד אַ פאַריתום׳טס —
אָהן טאַטע-און-מאַמע,
וואָס געהט נאָך די ווינטען און קען נישט די וועגען דער וועלטס,
און האָט נישט פאַר קיינעם דאָס האַרץ אויסצוגיסען ביינאַכט,
ווען עס צאַפּעלט אַזוי.

— . —

V

אַפּנים דאָס האַרץ פון די מענשען, וואָס קאָנען דיין שם נישט
איז גלייך צו אַ שווייגענדיג וואַסער, אַ שטעהענדיג וואַסער,
וואָס שיקט נישט קיין לוסטיגען שטראָם אין דעם זוניגען מרחק.

אַפּנים דאָס אויג פון נישט-גלייביגע טרערט נישט בשתיקה
אין נעכּט פון לבנה, ווען ס'גיסט זיך אין וועלטען דיין חסד–
די זילבערנע ברכה.

און ס'מוזען אַפּנים, די אַלע נישט-גלויביגע שלאָפען
דעמאָלט, ווען ס'עפענט דיין הייליגער מזרח די טוירען
און ס'גלאַנצען אויף ביימער און גראָזען די טויען-ברילאַנטען.

גאָט, מיר זענען אלע מיד און מאַט
פון טעג און נעכט,
פון ווינטער׳ס שניי און פראָסט
אוןווייסען שליאַך,
פ׳ן זומער׳ס גאָלד, און הימלענ׳ס בלאָ געוועב
און זיינע גערטענ׳ס רייכע פרוכט !— —

גאָט, מיר זענען אַלע זאַט פון זעהן
אַזוי פיל מאָל באַשעפענישען געהן
אויף אַלע טויזענט וועגען פון דער וועלט
אין שיין פון טאָג,
צי גאָר ווי שאָטענס, פינסטער, אין דער נאַכט!

און מיר, מיר ווילען זעהן אַ נייע וועלט,
אַנ׳אַנדער תּכלת און אַ נייע זון,
אַ נייע, בלייכע האַלב-לבנה געהן
איבער אונזער קאָפּ !

און שלוה ווילען מיר, אָ ווייטער גאָט !
אַ שלוה פון אַ ווייס-געקאַלעכט הויז
אונטער פּאַלמען, אָנגעזאַפּט מיט טוי
און בלאָקייט פון דער שטערען-העלער נאַכט!

אין שטערען-העלע נעכט געהט-אויף דער קוואַל
פון שטערען-העלער ליבשאַפט און געזאַנג— —
און זינגען ווילען מיר אַ נייעס הימן

אַ נײַער ליבשאַפט פון אַ װאונדער-װײַב,
װאָס האָט אַזױנע שװאַרצע לאַנגע האָר,
באַדעקענדיג דעם מאַרמאָר פונ׳ם גוף,
און ס׳טענט די לופט װען ס׳געהט פאַרבײַ דער װינט,
װאָס האָט די האָר באַרירט. — — —

V

און איך ווייס טיף אין מיר, אַז ער איז דאָ
און מיט זיין אָטעם פּולט ער אויס די וועלט וואָס, ר'האָט באַשאַפען
אויף טריקעניש און וואַסער.
זיין קול איז דער ווירוואַר פון אַלע הפקר'דיגע מאַרקען,
וואָס שטעהען גאַנץ פאַרטרונקען אין אַ ים פון הייסען גאָלד,
און הוזשענדיגע אויטאָס לויפען, ווי די ווילדע חיות
און קײלעכדיגע וואָגענרעדער סקריפּען— —
און ס'איז זיין קול דאָס אויפגעיוכצטע זידען פון'ם ים,
ווען ס'שפּילט זיין שפּיל דער שטורעמווינט מיט בייזע וואַסערשטראָמען
און מיט ווילדע פיש.
און אין דעם אויסטערלישען טויזענט-קולות'דיגען ים-נאַקטורן ניגון
פון בלאָע תהומות האַרץ אַרויסגעזונגען,
ווען שטערען געהען-אויף און אויפ'ן וואַסער
פאַלט דאָס רענדעלדיגע פלאַטערליכט און טראָגט זיך
אויף די כוואַליעס ביז אין טיפסטען מרחק— —
און ס'איז זיין קול אין ווינטען'ס וועלטגעיאָמער,
וואָס מאַכט די טיפּסטע זקנים-וועלדער ציטערען ביינאַכט.
און אין דעם שריי פון ביימער
אויפגעוועקטע פון'ם שלאָף
און אויפגעשויבערטע אין חשכות— —
און אין גראָזען'ס סודות-שושקען האַלבע נעכט אויף בלאָע לאָנקעס,
און אין פלאַפּלען פון אַ פינסטער טייכעל צו די ווערבעס,
וואָס שטעהען קעפּ-אַראָפּגעלאָזט און הוידען
מיט די צווייגען...

און אין אויפגעבריל אין סאַמע מיטען מדבר׳ס געלע זאַמדען
פון אַ לייב,
בשעת ער זעהט אין העכסטער בלאָקייט געהט אַרויס דער שטערען נ׳גה
פונקט אַקעגען זיינע אויגען,
גלאַנצט להכעיס אין די אַפּלען...
און אין דעם זיסען-האַרבען ניגון פון די רעגענס דורך די נעכט,
און אין גאַסענהינטגעבילעכץ דורך די נעכט ביז זריחה,
וואָס מאַכט דאָס בלוט דורכגרוילען אין די אָדערען און רודערט-
אויף דעם קוואַל פון טרערען — —
און כ׳האָב זיין קול אָהן-ווערטער אויך פאַרנומען טיף אין שטילקייט:
ביים עפענען די טוירען פונ׳ם מזרח,
ביים גאַנג פון די מזלות און ביים שליסען
ס׳רויטע הארץ פון מערב און פאַרציהען
אַ פּרוכת זייד פון לויטער תכלת — —
און אין דעם פלאַטער פון מיין שאָטען אויף דער וואַנט ביים שטערענאויפגאַנג
און ווען ער פאַלט פאַר מיינע אויגען טויטערהייט אויף דער פּאָדלאָגע — —
און אין דעם טאַקט פון זייגער אין דער פינסטערניש:
טיקטאַק...
און פון די דופק׳ס פון די הענט און פון די פליסענדיגע בלוטען,
און אין זילבערקייט פון נאַכטשיין,
מיר צופיסענס,
אויף דער בריק,
ביים זיצען אויפ׳ן קאַנט פון בעט צעכראַסטעט,
ס׳הערט מיין אויער:

ס׳האַרץ מיינס קלאַפּט, קלאַפּט, קלאַפּט — — —
נאָר נישט בלויז דאָס וויסען און דאָס פילען פון מיין נפש,
אַז ר׳איז דאָ,
איז מיר גענוג —
נאָר אים צו זעהן איז זיך משתוקק ס׳גאַנצע זיין מיינס!
אים צו זעהן אין פולען גלאַנץ!
און זיך צעגיסען אין זיין שויס און זיס פאַרגעהן,
ווי ס׳פאַרגעהט זיין זון אין מערב
און געהט־אויף אין העלען מאָרגען פון זיין שויס—
דאַפאַר וועל איך אַלץ וואַנדערען דאָס גאַנצע לעבען מיינס
און וועל נישט מיד זיין
בויען מיר דעם וואונדערליכען סולם מיט דעם כח פון נשמה
און זינגענדיג דעם הלל־ליד צום הימעל
און תפילה־טון צו אַלע זיינע וועלטען:
ר׳זאָל זיך מיר אַנטפּלעקען אין מיין ווייטען וואַנדערוועג
אין פולען גלאַנץ!

# אינהאַלט:

באַקענונג

ליבשאַפֿט

וועלטוועג: טויט

וואַנדערונג

מתבודדים

דיכטער

אין הייליגסטע שעה'ען

פֿאַרנאַכטענגאַלד

Cop.001

Y 892.51 G7987

17692850010 FO
Y 892.51 G7987
GREENBERG, URI ZVI
FARNAKHTENGOLD. 7.00

CARDS—No book will be issued or received without presentation of card. The person in whose name the card is issued is responsible for all books drawn on it and for all fines accruing on the same.

FINES—Two cents per day for books kept overtime.

DAMAGES—Pencil marks, torn or defaced labels, book plates or card pockets, or mutilation of the book itself, will be charged to the card owner. See that books are not issued to you with such defects.

TIME—Books may be kept 14 days, except when labeled "7 days."

RENEWALS—No book can be renewed if a postal reservation is waiting. No "7 day" book or magazine can be renewed or transferred. Renewal or transfer for a second two weeks is given upon all 14 day books which have not been reserved by postal, upon presentation of card and book number.

RESIDENCE—Notify the Library immediately of any change of residence of yourself or guarantor.